STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06407

ANATOL FRANS

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



געאָרג בראַנדעס

אנאַטאָל פראַנס

אָפּהאַנדלונג

אידיש: א. פרומקין

Copyright 1919
By
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

1.

דעם אמת'ן שריפטשטעלער דערקענט מען אין דעם, וואס אזוי גיך ווי מען האט פאר זיך בלויז איין זייטעל זיינס, געפינט מען דעריין ווענינגסטענס איין זאץ אדער איין ווענדונג, וואס נאר ער אליין האט געקענט אנשרייבען.

נעמען מיר, למשל, פאלגענדען זאץ: „אז מען זאל גלויבען דעם דאזיגען פרידליכען נשמות־פערזארגער, קענען מיר זיך גאר־נישט אויסדרעהען פון דער געטליכער גוטסקייט, און מיר וועלען אלע אריין גליך אין גן עדן אריין — סיידען ס'איז גאר קיין גן עדן ניטא, וואס איז אייגענטליך גאנץ ווארשיינליך.“

דער דאזיגער זאץ געהט אויף רענאן. ער מוז קומען פון רענאן'ס א תלמיד, ווענעם וויץ איז פיליכט א ביסעל שארפער ווי דער וויץ פון דעם מייסטער. מעהר איז וועגען דעם ניטא וואס צו זאגען.

אדער מיר נעמען אט דעם זאץ: „זי איז געווען די אלמנה פון פיער מענער — א מורא'דיגעם פרויען־צימער, אויף וועמען מען האט אלץ געקענט גלויבען, נור ניט אז זי האט ווען עס איז געליעבט אין איהר לעבען. דערפאר איז זי געווען געעהרט און געאכטעט“. — פאראן בלויז איין מאן וואס האט איהם געקענט אנשרייבען. אין א וויציגען טאן באווייזט ער, אז דער פרוי'ס געזעלשאפט פארצייהט אלצדינג, א חוץ איין לײדענשאפט; אט די באמערקונג גיט ער איבער דעם לעזער פארבייגעהענדיג, אזוי ווי ניט דאס מיינט ער גאר.

אדער דעם דאזיגען זאץ: „מיר דארפען ניט ליעבען די נאטור, זי איז ניט ליעבענסווירדיג: זי אויך נישט האסען, זי פארדינט ניט קיין האס. זי איז אלעס. ס'איז א גרויסע לאסט

צו זיין אַלעם. ס'מאַכט מורא'דיג שווער און אומבאַהאָלפען."

פאַראַן בלויז איינער, וואָס קען אַנטשולדיגען די נאַטור פאַר איהר גלייכגילטיגקייט צו אונז מענשען מיט דער טענה: ס'איז אַ גרויסע לאַסט צו זיין אַלעם.

מיר לייענען פאָלגענדען געדאַנק: „ס'איז אַן אמת אומגליק צו דענקען, זאָל דיך גאָט אָפּהיטען דערפון, מיין זוהן. ווי ער האָט אָפּגעהיט דערפון די גרעסטע הייליגע זיינע, אַזוי ווי די גייסטער, וועלכע ער האָט ליעב געהאָט מיט אַ באַזונדערער ליעבשאַפט און זיי באַשטימט פאַר דער אייביגער זעליגקייט."

דאָס רעדט אַ גלח אַזוי, און ער רעדט אַהן אַ פונק פון איראָניע. די איראָניע געהט דאָ אַרוים פון צוויי זייטען. מען שפירט דעם פּראָפעסאָר'ס שמייכעל הינטער דעם גלח'ס ערנסטקייט.

אין זיין איראָניע איז ער געזונט און שאַרף ווי ווייניגע. ער זאָגט: „ציצעראָ איז אין פּאָליטישע זאַכען געווען אַ געמע־סיגטער פון דעם געוואַלדיגסטען סאָרט."

אין זיין סאַטירע איז ער מאָלעריש ווי ווייניגע. — מיר אַנדערע האָבען גע'טענה'ט: „גלייכהייט פאַר'ן געזעץ. דאָס הייסט: פאַר די געזעצען, וואָס די רייכע האָבען אַרויסגעלאָזען פאַר די אָרימע און די מענער פאַר די פרויען". מיר אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז דאָס אידעאַל פון גערעכטיגקייט מוז זיין אַן אונגלייכהייט פאַר'ן געזעץ, וואָס ווערט אָפּגעמאָסטען און דורכגעפיהרט לויט דער פאַרשידענקייט פון די איינצעלנע מענשען. מיר אַנדערע האָבען געפרעגט: וויבאַלד די אונגלייכהייט ליעגט שוין זאָגאַר אין דעם געזעץ, טו וואָר־זשע בלייבט ערגיץ די גלייכהייט?

אָבער אַז מען לייענט: „אין זיין מאַיעסטעטישער גלייכהייט פאַרזאָגט דאָס געזעץ די רייכע אַזוי ווי די אָרימע לייט, זיי זאָ־לען ניט שלאָפען אונטער די בריקען, ניט בעטלען אין די גאַסען און ניט גנב'ענען קיין ברויט" — איז פאַראַן בלויז איין מאַן, וואָס האָט דאָס דאָזיגע געקענט אָנשרייבען.

אָט דער איין מאַן איז אַ נ אַ ט אָ ל פ ר אַ נ ס. אויפ־

אנאטאל פראנס

פאלענד אין אט דעם סטיל איז די איראניע ; זי זאגט גלייך אויס, אז ער איז רענאן'ס גייסטיגער יורש. דאך, ניט קוקענדיג אויף דער פארוואנדשאפט, איז פראנס'עס איראניע א גאנץ אנדערע. רענאן, אלס היסטאריקער אדער קריטיקער רעדט בסדר אין זיין אייגעניים נאמען, איבער די אויסגעקלערטע פערזאנען אין זיינע פילאזאפישע שוישפיעלען, און נאך מעהר אין זיינע פילאזאפישע געשפרעכען, הערט מען ארויס איהם אליין. פראנס'עס איראניע באהאלט זיך הינטער טרייהארציגקייט. רענאן פארמאסקירט זיך, פראנס פארוואנדעלט זיך. ער שרייבט ארויס פון אנשויאונגען, וועלכע זיינען גראד דער היפוך פון זיינע אייגענע, פון אלט־קריסטליכע אדער מיטעל־אלטערליך־קאטוילישע אנשויאונגען — און דורך דעם, וואס ווערט געזאגט, פארשטעהט מ'ון וואס ער מיינט.

אנדערע שריפטשטעלער קענען זיין אדער אויסווייזען צו זיין פונקט אזוי וויציג, פונקט אזוי איראניש־פיין — זיי זיינען אבער פארט ניט גלייך צו איהם. ס'איז אקוראט ווי מען וואלט ארייגעהן אין דעם בעסטען פארצעליי געשעפט. מיטברייגענדיג מיט זיך א שטיק פון אן אנדער פאבריק, פונקט אזוי גאנץ, פונקט אזוי פעהלערלאז, פונקט אזוי שעהן פארפוצט : דאן וועגט עס די דאמע, וואס שטעהט ביים פארקויף־טיש, אפ אין דער האנט, קוקט עס אן און זאגט : דאס איז אן אנדער מאטעריאל".

ווען עס האנדעלט זיך מכח פראנס'ן, דאן קען מען לאנג זוכען, ביז וואנען מען געפינט א מאטעריאל, וואס זאל האבען דעם זעלביגען ווערט ווי יענעם, וואס איז איהם געלונגען צוזאמענצושטעלען ערשט נאך אן ארבייט פון זעקס און דרייסיג יאהר צייט.

* * *

אנאטאל פראנס איז שוין איצט ניט קיין יונגער מאן, נאר זיין באריהמטהייט איז כמעט גאר נייע. דעם 16טען אפריל פון דיזען יאהר איז ער געווארען 75 יאהר אלט ; דאך קען מען

זאָגען, אַז באַריהמט איז ער ערשט זינט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען.

נאָך אַלס יונגערמאַן הויבט ער אָן שרייבען קליינע ליטעראַר־היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען און שעהנע געדיכטע; אָבער אַז ער ווערט 37 יאָהר אַלט קוקט מען זיך צום ערשטען מאָל אום אויף איהם, און אויף זיין אומשולדיג ערקעהלונג „דאָס פאַרברעכען פון סילוועסטר באָנאַר“, און עס געדויערט ביז 1892—93, איידער ער ווייזט אַרויס זיין אָריגינאַליטעט.

אויב ער איז אַ לאַנגע צייט אין שאָטען געשטאַנען און האָט זיך ניט אַרויסגעזעהן, איז דאָס קודם כל געקומען דערפון, וואָס זיין ענטוויקלונג צו פולער אָריגינאַליטעט איז זיך אָנגעגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם. ס'האָט איהם געפעהלט מוט צו זיין ער אַליין, ער האָט געמוזט האָבען דערצו אַן אויפמונטערונג פון דרויסען.

אחוץ דעם נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס גרויסע ערצעה־לער־טאַלאַנטען, וועלכע זיינען איצט מעהר ניטאָ, זיינען פריהער געשטאַנען אויפ'ן פאָרדערגרונד: נאָוועליסטען ווי מאָפּאַסאַן, דאָ־דע, זאָלאַ. דער וועג איז אויך פריי געוואָרען פאַר איהם, דורך דעם וואָס טאַלאַנטען ווי בורזשע און הויסמאַן זיינען אַריבער צום קלעריקאַליזם, טאַלאַנטען ווי זשול לעמעטר צום נאַציאָנאַ־ליזם, טאַלאַנטען ווי הערוויע צום טעאַטער. ניט צום ווייניגסטען אויך דורך דעם, וואָס דער גרויסער סטיל־קינסטלער ערנעסט רע־נאַן, וועמעס יורש ער איז געווען, איז אַוועק פון דער וועלט.

ערשט אַז דער דאָזיגער פיינער צווייפלער און באַגייסטער־טער גערדאַנקען־פרומער, נאָך וועמעס טריט ער איז נאָכגעגאַנ־גען, און ערשט אַז די פרוכטבאַרע דיכטער, וועמעס ביכער האָ־בען אָנגעמאַכט אַזאַ רושם, זיינען אנשוויגען געוואָרען, איז דער אָרט אַרום דעם עץ הדעת, אַרום דעם בוים פון וויסען, וועלכען ער האָט געפלאַנצט, אַזוי אָפּגעראַמט געוואָרען, אַז די זון האָט געקענט צוקומען צו איהם און דער בוים האָט זיך גענו־מען אַרויסזעהן פון אַלע זייטען.

יענע אַנדערע פראַנצויזען האָבען געשטאַמט פון די פּרי־

אנאטאָל פראַנס

ווינצענ : ראדע און זאָלא פון דער פּראָוואַנס, מאַפּאַסאַן פון נאָר־מאַנדיע, רענאַן פון ברעטאַניע, הערוויע פון נואַי, בורזשע פון אַמיען און הויסמאַן פון האָלאַנד. פראַנס, וועמעס גאַנ־צער גוט איז שוין פון אָנהויב אָן געווען צאַרטער און ווייני־גער פעסט, איידער דער גוט פון די פּראָוואַנס־לייט און די נאָר־מאַנען, איז אַ פּאַריזער אַ געבוירענער און ער טראָגט דעם שטעמ־פּעל פון אַ פּאַריזער.

זיין מייסטער רענאַן איז ערשט געוואָרען אַ פּאַריזער, ווען זיין לעבען האָט זיך געהאַלטען ביים ענדיגען, ווען ער האָט שוין מעהר ניט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דעם ברעטאָנער און איז שוין מעהר ניט געווען דער תלמיד פון די דייטשען. — פראַנס איז פון סאַמע אָנפאַנג אָן געווען אַ פּאַריזער.

ליכט און לופט פון פּאַריז זיינען אורשפּרינגליך געווען זיין לעבענסלופט, דער גאָרטען פון לוקסעמבורג איז פאַר איהם גע־ווען פראַנקרייך׳ס נאַטור און די גאַס זיין ערציהונגס־אַנשטאַלט. אין לאַטיינישען קוואַרטאַל האָט ער אַלס קינד געזעהן, ווי די מיידלאַך טראָגען אריין מילך און די אַרבייטער קויהלען צו זיך אין שטוב אריין. ער איז אַ גרינדליכער קענער פון די פּאַריזער בעל־מלאכה׳ס און קרעמער.

די פענסטער פון די פּאַפּיר־הענדלער האָבען מיט זייערע בילדער זיינע בליקען צו זיך צוגעשמידט, און זיין ערשטען אונ־טערריכט האָט ער באַקומען, בלעטערנדיג אין די קעסטלאַך פון די אָרעמע „וואַנדערנדע" בוכהענדלער ביי די ברעגען פון דער סעין.

ער אַליין איז געווען דער זוהן פון אַזאַ אָרעמען בוכהענד־לער, אָדער פּילייכט נאָר אַ משרת פון אַ ביכער־געשעפט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַ בוכהאַנדלונג, ערצויגען געוואָרען צווי־שען אַלטע קלוגע ביכער, געהיימניספולע עראינערונגען וועגען אַ לעבען, וואָס האָט שוין מעהר ניט עקזיסטירט. דערפון האָט ער געלערנט, ווי שנעל דאָס לעבען געהט פאַרביי, ווי ווייניג

אנאטאָל פראַנס

ס׳בלייבט איבער פון דער ארבייט פון א גאַנצען דור, און דאָס האט איהם אריינגעגעבען א היבש ביסעל טרויער, זאנפטמוטיג־קייט און מיטלייד.

ס׳איז צו באוואונדערען, וויפיעל קליינע ביכער־קראַמען ער האט באשריבען, אין פאריז און אויסער פאריז, די ביכער אין זיי, די קונים און די געשפרעכען, וואס ווערען דאָרט געפיהרט. זעהר אָפט האט ער פאַרבראַכט ביי די בראַווע וואנדערנדע בוכ־הענדלער, ביי די ברעגען פון דער סעין, צוזעהענדיג זייער קלענ־ליכען לעבען, ווי זיי שטעהען אַפּ גאַנצע טעג אין קעלט און רע־גען, זעלטען ווען פארקויפענדיג וואס עס איז.

מיר, פאַר וועמען קיינער פון די היינטיגע פראַנצויזען קומט ניט פאַר אזוי פראנצויזיש ווי אנאטאָל פראַנס — ווארים ער טראַגט אין זיך די גאַנצע טראדיציע פון די מיטעלאַלטערליכע גאָוועליסטען פון פאַר מאָנטען ביז וואָלטער׳ן — מיר וואונ־דערען זיך גאָר ניט וואס ער האט אנגענומען דעם נאָמען פון זיין פאַטערלאַנד אנשטאָט זיין אייגענעם. אבער פ ר א נ ס איז אויך געווען דער נאָמען פון זיין באשיידענעם פאַטער — ער האט געהייסען פראנס טהיבא. פאַר די פּראָסטע מענשען אין דער גאַס, וואו ער וואוינט, אין דער „אַלעע ווילאַ סאַאיד״, איז ער ניט פראנס. דער פּראָסטער מענש רופט איהם מאָסיע אנאטאָל.

די לאַנגע גאַסען ביים ברעג פון דער סעין לעבען אימער ביי איהם אין זכרון. ערגעץ־וואו זאגט ער: „איך בין ערצויגען געוואָרען אויף דיזען קעי צווישען ביכער פון עניוות׳דיגע און איינפאַכע מענשען, וועמען איך אַליין האָב נאָך אין זינען. אַז איך וועל שטאַרבען, וועט עס זיין, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען״.

אויף אַן אנדער אָרט רופט ער אַז די דאָזיגע גאַסען ביים ברעג סעין דאָס אַדאָפּטירטע פאַטערלאַנד פון אַלע מענשען מיט געדאַנקען און געשמאַק.

אויף א דריטען פלאץ זאגט ער: „איך בין ערצויגען גע־וואָרען ביי די ווענט ארום דער סעין, וואו די אלטע ביכער מי־שען זיך אוים מיט דער לאנדשאפט. איך בין געווען ענטציקט פון דער סעין . . . כ׳האב באוואונדערט דעם טייך, וועלכער פלעגט בייטאג אפשפיגלען דעם הימעל און טראגען שיפלאך אויף זיך, און ביינאכט זיך באדעקען מיט ערדעלשטיינער און מיט לייכטענדע בלומען“.

א ביכער־פריינד איז ער געווען און א ביכער־פריינד איז ער געבליבען.

איינער פון די ציגע, וועלכער מוז באלד אין אנפאנג ברייגגען די לעזער פון פראנס׳עם ווערק אין ערשטוינונג, איז די ליטע־ראַרישע בילדונג זיינע און די ארט און וויזע פון אט דער בילדונג, וועלכע איז א זעלטענהייט ביי א ראמאנען־שרייבער און נאוועֿ־ליסט. מיר זיינען צווישען די פראנצויזישע שריפטשטעלער גע־וואוינט צו זעהן ניט־געלערנטע, וועמעס בילדונג איז בלויז פראנ־צויזיש: דאן תלמידים פון דער נארמאל־שולע, וועמעס בילדונג איז איינזייטיג קלאסיש, און געלערנטע, וועמעס בילדונג איז אייראפעאיש. אבער פראנס באזיצט א רייכע פולע בילדונג, וואס ער האט זיך ערווארבען אין אן אייראפא, פון וועלכער די גערמאנישע פעלקער זיינען אויסגעשלאסען. ער קען ניט קיין ענגליש און ניט קיין דייטש. דאס איז דער הויפט נעגענזאץ צווישען זיינער און רענאן׳ס בילדונג. אבער אט דער מאנגעל פיהלט זיך ניט ביי איהם אזוי ווי ביי אנדערע.

רענאן איז געווען א מזרח־לענדישער פילאלאג: די סעמי־טישע שפראכען זיינען געווען זיין פעלד: זיין גייסט האט זיך גענעהרט אויף דייטשער וויסענשאפט. אין וואס פראנס איז גוט באהאווענט, איז דאס לייטיינישע און גריכישע אלטערטום, אבער אויך די לאטייניש און איטאליענישע ליטעראטור פון׳ם מיטעלאלטער. דעריבער איז ער — אגב אורחא באמערקט — אזא הייסער פארטיידיגער פון דער קלאסישער שול־בילדונג.

„כ'האָב אַ שטאַרקע ליעבע", זאָגט ער ערגעץ וואו, „צו די לאַ־טיינישע למודים. אהן זיי איז די שעהנקייט פון דעם פראַנצויזישען זשעניע אויסגעשפּיעלט. מיר זיינען לאַטיינער. די מילך פון דער וועלפין איז דער בעסטער טייל פון אונזער בלוט".

מיט וואָס ער האָט זיך הויפּטזעכליך גוט באַקענט, איז די קאַכינגע צייט, ווען דאָס קריסטענטום האָט געקעמפּפט מיט דעם היידענטום אין די אַלטע, פּאַרצייטיגע מוחות: אחוץ דעם די גאַנצע מאַסע קריסטליכע לעגענדען, וועלכע ער גיט איבער מיט טרייהאַרציגקייט און מיט אַ טיפער איראָניע, און ענדליך די איטאַליענישע און באַזונדערס די פראַנצויזישע געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון צעזאַר'ס צייטען ביז צום 8טען יאָהר־הונדערט, וועמעס אַנפאַנג מען געפינט אין זיין „קעניגין פּעדאַק".

זעהר אָפט באַשעפטיגט זיך זיין קונסט מיט רעליגיעזע שטימונגען און רעליגיעזע צושטענדע. און דאָ איז דער היפּוך, דער געגענזאַץ צו רענאַן אַם שאַרפסטען. אין דער צייט וואָס רענאַן'ס געמיט איז כסדר רעליגיעז און זיינע אויסדריקע זיינען ריהרענד, איז פראַנס אין דער טיפעניש פון זיין נשמה אַזוי ניכטער ווי וואָלטער, בעת ער האָט צו טאָן מיט רעליגיעזע שטאָפען, ניט קוקענדיג אויף דער לפנים'דיגער עהרפורכט, וועלכע ליגט אויף זיינע ווערטער.

צו די דאָזיגע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט זיינען אויף זיין לעצטער ענטוויקלונגסשטופע צוגעקומען בילדער פון דעם היינטיגען פראַנקרייך, מיט פּאָרטרעטען פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג געווען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג, אַזוי ווי וועהרלען אָדער עסטערהאַזי.

אָבער זיין דיכטערישע און פּערזענליכע פאַרליעבע געהערט ניט דעם מאָדערנעם לעבען. איינמאָל, בעת ער האָט געצייגט אַ גאַסט זיין ביבליאָטעק און יענער האָט זיך שטאַרק געוואונ־דערט, וואָס זי איז אַזוי קליין און ס'זיינען גאָר ניטאָ דאָרט קיין מאָדערנע ביכער, האָט פראַנס געזאָגט:

— איך האב ניט קיין מאדערנע ביכער; די וואס מען שיקט מיר צו, האלט איך אויך ניט ביי מיר; כ'שיק זיי גלייך אוועק צו א פריינד מיינעם אין דער פראווינץ. (דער פריינד אין דער פראווינץ האט אודאי געמוזט זיין איינער פון יענע קליינע בוכ־הענדלער ביי דער סעין, וועלכע פראנס קען אזוי גוט).

— אבער איהר ווילט זיך גארניט באקענען מיט זיי און וויסען וואס זיי שרייבען?

— מיט מיינע צייט־גענאסען? ניין! דאס וואס זיי קע־נען מיר דערצעהלען, וויים איך אליין פונקט אזוי גוט ווי זיי. איך לערען מעהר פון פעטראניוס'ן *) איידער פון מאנדעס'ן **).

דערפאר איז פראנס ניט מיט זיין פולען ווילען עטליכע יאהר נאכאנאנד געווען דער קריטיקער פון דער צייטונג „לע טאן", וואו ער האט אין א רייהע פון פעליטאנען ארומגערעדט די ווערק פון זיינע צייטגענאסען. דאך זיינען די פיער ביכער, אין וועלכע ער האט צונויפגענומען די דאזיגע ארטיקלען זיינע, זעהר אינטערעסאנט. פראנס באהויפטעט דא פון אנפאנג ביז צו ענדע, אז דער קריטיקער קען קיינמאל ניט געבען קיין ריכ־טיגע, רעעלע, נאר א פערזענליכע קריטיק; אז ער קען קיין אנדער זאך ניט פארשטעלען אויסער זיך אליין, און דארום, ווען ער רעדט פון האראץ אדער שעקספיר, הייסט עס נור, אז ביי דער געלעגענהייט פון פון האראץ און שעקספיר רעדט ער פון זיך גופא.

פראנס האט אלזא כסדר גערעדט פון זיך אליין: „איך האף, אז בעת איך רייד פון מיר, וועט יעדער דיינקען וועגען זיך". אלס קריטיקער פלעגט פראנס ארויסגעבען זיינע פערזענליכע איינדריקע און גערן דערצעהלען מעשה'לאך, דאס רוב עראינ־נערונגען פון זיין קינדהייט אדער פון זיינע יונגע יאהרען, וועלכע

*) א רוימישער דיכטער.

**) קאטיל מאנדעס, א מאדערנער פראנצויזישער שריפטשטעלער.

האבען געדינט צו באַלייכטען און צו ערקלערען די איינדריקע' זיינע. אַ קריטיקער אין שטרייננגערען זין פון ווארט איז ער ניט געווען, און אז זיינע ביכער האבען אָנגעהויבען געפינען אַ גרעסערען אָפּזאָץ, האָט ער די קריטיק אין גאַנצען אָוועקגעוואָרפען. אָבער דאָך זיינען זיינע מיינונגען אין אָט די פיער בענדער זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פערזענליכקייט: זיי גיבען איבער דעם גייסט, איהר באַגרענצונג און איהרע פאָראורטיילען — פאָראורטיילען, פון וועלכע ער האָט זיך בּיסלאַכווייז באפרייט.

דער פריינד, וועמען פראַנס האט געענטפערט: „איך האב ניט קיין מאָדערנע' ביכער ביי מיר אין הויז“, האָט מיט אַ שמייכעל געפרעגט: „אייערע אייגענע אויך ניט?“ — „ניין,“ האט געענטפערט פראַנס: „דאַס וואָס מען האָט אַליין געבויט, — און ווען עס זאָל אפילו זיין אַ פּאַלאַץ — איז איינעם אַזוי גוט באַקאַנט, אז מען קען עס מעהר ניט אָנזעהן. איך וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטען, צו האבען מיינע ביכער ביי מיר אין די הענט. וואָס טויגען זיי מיר?“

— כדי אויסצומיידען ווידערהאַלונגען

— דערפאַר ווידערהאָל איך זיך טאַקי שטענדיג, — האַט פראנס געענטפערט.

דאָס איז לײדער אמת — ס'איז איינע פון די ליעבלינגסזינד פון דעם דאָזיגען שריפטשטעלער. צו אָפט קעהרט זיך ביי איהם אום דערזעלבער געדאַנק כמעט מיט די זעלבע ווערטער; צייטענווייז ווידערהאָלט ער זיך פון איין בוך צום אַנדערען, בלאַט פאַר בלאַט.

וואס פאַר אַ טרייען פּאָרטרעט פון זיך אַליין פראַנס האט געגעבען אין דער פּערזאָן פון דעם סקולפּטאָר אין דער „רויטער ליליע“, וואס איז שייך צו זיין אויבענדערמאַנטען ענטפער, קען מען זעהן, ווען מען פאַרגלייכט איהם מיט פאָלגענדער שטעלע: מאַדאַם מאַרטען-בעלעס זאָגט: „איך זעה ניט קיין איינע פון

דיינע אייגענע ארבייטען, ניט איין סטאטוע אדער איין איינצי־
גען ביוסט". — ער ענטפערט: „ווי פאלט דיר איין צו דענקען,
אז דאס וואלט מיר פארשאפט פארגעניגען צו לעבען צווישען
מיינע אייגענע ווערק? די קען איך שוין צו גוט... זיי לאנג־
ווייל"ען מיך"...

אז דער בילדשניצער דערשאדט איז בלויז א מאסקע
פאר פראנס'ן. ווערט במעט צוגעגעבען דורך דער פארטזעצונג:
„אויב איך האב אפילו געמאכט א פאר שלעכטע פיגורען, בין
איך דאך ניט קיין סקולפטאר. גיכער בין איך א שטיק פון א
פאעט און פילאזאף".

* * *

פראנס'עס ליטעראריש לעבען טיילט זיך נאך א משך פון
פופצעהן יאהר אין צוויי טיילען; אין יעדען איינעם פון דיזע
טיילען טרעט ער אויף אזוי פארשיידען, אז מען וואלט געקענט
זאגען, ס'זיינען פאראן צוויי פראנסעס.

אין ערשטען טייל איז ער דער פיינער איראניקער, וואס
הויבט זיך אויף הויך איבער דער מענשען־מאסע און מיט אן
איבערלייגטען רחמנות'דיגען שמייכעל קוקט ער זיך צו צו איה־
רע שטרעבונגען און צו איהרע קעמפע. — אין א צווייטען טייל
ווייזט ער זיך ארויס אלס קעמפער. ניט נור איז ער אן אנ־
היינגער און נעמט אנטייל אין קאמף, נאר מיט זיין אויפטרע־
טען באשטעטיגט ער דעם גלויבען גראד אין דעם, איבער וואס
ער האט זיך פריהער געוויצעלט און וואס ער האט אויסגעלאכט:
דעם פאלק'ס געזונטען אינסטינקט, די באדייטונג פון דער מער־
הייט, די שטייגענדע ווירקליכקייט פון דעם פראגרעס, יא, דעם
גלויבען אין די לעהרען, וועלכע ער האט זיך אלס דיינקער ענט־
זאגט אנצונעמען, — די טעאריע פון דער דעמאקראטיע, דעם
סאציאליזם אלס לעהרע.

אז א פריינד האט איהם אמאל אין העפליכע אבער באַ־
שטימטע ווערטער פארגעווארפען די דאזיגע האלטונג זיינע און

אנאטאָל פראַנס

איהם געזאָגט, אַז דאָס איז גאַר ניט אַזוי עהרליך, האָט פראַנס געענטפערט מיט דער פראַגע: „קענט איהר וואָס פאַר עס איז אַנדער מאַכט, איידער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל קענען אויפנעמען דעם קאַמף געגען דער קירכען־געוואַלט פאַר־אייניגט מיט'ן נאַציאָנאַליזם?"

ער האָט פון דער טעאָרעטישער פראַגע געמאַכט אַ פּראַק־טישע.

אַז דער פריינד האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיך אין אַז עהנליכען פאַל אָנגעשלאָסען אַז אַ פּאַרטיי און איהר פּראַקטיש מיטגעהאָלפען, אָבער אין דער זעלבער צייט ניט צוגעשטאַנען צו איהר לעהרע, האָט זיך פראַנס מיט אַ שמייכעל אומגעדרייט צו עטליכע יונגע מיידלאך און געזאָגט: „ס'אַרא מענש דאָס איז! צו עהרליך און איינגעשפּאַרט ווי אַ רויטער עזעל!"

אין דער גרעסערער העלפט פון זיין לעבען איז פראַנס נאָך אָהן שום ספק געווען אייניג מיט זיין גלח קוואַניאַר, וועלכער פיהלט אַ מין צערטליכע פאַראַכטונג צו די מענשען, און וועלכער וואָלט זיך ניט אונטערגעשריבען אויף דער ערקלערונג פון די מענשענרעכטע, ניט אויף קיין איינציגער שורה אפילו — „מחמת דעם שאַרפען און אומגערעכטען חילוק, וואָס ווערט דאָרט גע־מאַכט צווישען דעם מענשען און דעם גאָרילאַ". ער האָט זיך דאַמאָלס — אַקוראַט ווי קוואַניאַר — געהאַלטען הויפּטזעכליך ביי דעם גלויבען, אַז די מענשען זיינען בייזע, רשעות'דיגע חיות, וועלכע מען קען בלויז מיט מאַכט אַדער ביטראַסט האַלטען אין צוואַנג.

נאָך פיעל יאָהרען שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין ער־קלערט אַלס דעמאָקראַט, גיט ער זיין העלד בערזשערע אין מויל אַריין פאָלגענדע ווערטער, וועלכע ער זאָגט צו זיין הונט: „דו ווייסט ניט, אַז דאָס, וואָס הויבט אויף די פעלקער און ברייננגט זיי כבוד און גדולה, באַשטעהט ניט אין די נאַרישע קולות, וועלכע קלינגען אַפּ אויף די גרויסע, עפענטליכע פּלעצער, נאָר

אין דעם שטילען געדאנק, וועלכער ווערט געבוירען אין א דאך־שטוב און אין איין שעהנעם טאג גיט ער דער ערד א גאנץ אנדער פנים" — בערזשערע דריקט זיך אויך אויס זעהר אונ־דעמאקראטיש, זאגענדיג: „די וויסענשאפט איז דער העכסטער הערשער, ניט דאס פאלק. א דומהייט, וואס ווערט ווידערהאלט פון 36 מיליאן מיילער, הערט פון דעסטוועגען ניט אויף צו זיין א דומהייט".

מיט די דאזיגע געדאנקען קען מען באטראכט ווערען אלס אנהייגגער פוןביידע לאגערען. דעם ראדיקאלען אזוי גוט ווי דעם קאנסערוואטיווען, אומגעפעהר ווי איבסען איז עס געווען א לאנגע צייט אין די צפון־לענדער. פראנס איז פארקניפט גע־ווען מיט דער קאנסערוואטיווער פארטיי. נאך מיט א קורצער צייט צוריק, 1897, איז ער געווען דער קאנדידאט פאר דער אקאדעמיע, ווען די קאנסערוואטיווע פארטיי, די גראפען, האבען ארויסגעשטעלט אנטקעגען דעם שריפטשטעלער פערדי־נאנד פאבר, וועלכער איז געווען פארהאסט ביי דער קירכע.

מיט זיין געפיהל פאר מעסיגונג און טאקט האט ער דאמאלט פארהאסט זיין שפעטערען קאמפס־גענאסע זאלא, און פארהאסט האט ער איהם, פארשטעהט זיך, גאר אהן מעסיגונג. „איך בין איהם ניט מקנא פאר זיין עקעלהאפטען נאמען", האט ער דאן געשריבען וועגען זאלא'ן. „נאך קיינמאל האט זיך א מענש ניט געסטארעט אויף אזא'ן אופן צו ערנידעריגען די מענשהייט און צו פארלייקענען אלעס וואס איז גוט און גערעכט. נאך קיינמאל האט ווער עס איז אין דעם גראד ניט פארלייקענט דעם אידעאל פון דער מענשהייט".

אין אט די ווערטער איז געלעגען מעהר ליעבע צום גוטען גע־שמאק, איידער א געפיהל פאר זשעני. מען מוז צוגעבען, אז פראנס האט שפעטער תשובה געטאן פאר דיזע און פיעל עהנליכע אויסדריקע, צווישען אנדערעס אין דער שעהנער און ווארעמער

רעדע, וואס ער האט געהאלטען אויף זאלא'ס קבר, אבער אויך א היבשע צייט פאר זיין טויט.

און פונקט ווי ער האט יאהרען־לאנג, צוליעב די געשמאק־לאזינקייט און די גוזמאות, פארזעהן דעם זשעני פון דעם מאן, וועלכער האט געזאלט ווערען דער בעסטער מיטקעמפער זיינער, אזוי האט ער מיט אביסעל איבערטרייבונג פארהערליכט די מע־נער, וועמען ער איז געצוואונגען געווארען צו באקעמפען אויף לעבען און טויט, און וועמעס באגרענצונג און שוואכע זייטען ער האט שפעטער געהאט א געלעגענהייט צו דערקענען.

מיט פולער ערנסטקייט האט ער געשריבען: „איך מיין, אז מען האט קיינמאל ניט געקענט זיין אינטעליגענטער, איידער פאל בורזשע און זשול לעמעטר זיינען היינט.“

ער האט דאמאלט ניט געהאט קיין באגריף פון בורזשע'ס שרעקען זיך פאר'ן גיהנום, פון לעמעטר'ס מאנגעל אין אינער־ליכען גלייכגעוויכט. וועגען דעם דאזיגען שפעטערדיגען פאנא־טיקער פון דעם נאציאנאליזם האט ער אפגעגעבען פאלגענדע מיינונג: „ער איז איינער פון די מענשען, וואס ווינשען קיי־נעם קיין שלעכטס ניט, נאר זיינען געדולדיג און פריינדליך. ער איז א מוטיגער פארשטאנד אהן אירגענד וועלכע מורא, א שמייכ־לענדע נשמה, הוילע איינזעהעניש“.

שוין בעת דאס דאזיגע איז געשריבען געווארען, איז לע־מעטר געווען רשעות'דיג און קליינליך, אויב פיליכט נאך ניט נידעריג. אין עטליכע יאהר ארום איז ער געשטאנען, אלס וויצע־פרעזידענט פון דער „פאטרי פראנסעז“, אן דער שפיצע פון דער באנדע, וועלכע האט געהאלטען דרייפוס'ן אויף טייפעלס־אינזעל און געפריידיגט דעם שטאאטס־שטרייך געגען לובע'ן. עטליכע יאהר שפעטער האט זיך פאל בורזשע אומגעקעהרט צוריק אין שויס פון דער קאטוילישער קירכע און איז אנגעפאלען מיט דער ביטערסטער געוואלטזאמקייט אויף יעטווידער מאדערנער שטרע־בונג, זאגאר אויף פאלקס־אויפקלערונג. אויף דער גייסטיגער

ענטוויקלונג פון די ארבייטער. דאס זיינען געווען פראנס'עס אינטעליגענץ־העלדען.

אין פארגלייך מיט דער האלטונג פון דיזע מענער קען פראנס'עס האלטונג אין די לעצטע יאהרען פון דעם דרייפוס־פראצעס כמעט באטראכט ווערען אלס הערליך.

ס'קען זיין, אז אלס פאלקסרעדנער — אז ארבייט, צו וועלכער ער איז פון דער נאטור ניט געווען צוגעפאסט — האט ער זיך אויסגעשפראכען אביסעל באשטימטער און גלויביגער. איידער ס'האט זיך איהם געפיהלט אין דער טיפסטער אינערליכקייט פון זיין נשמה. דערפון איז אבער ניט געדרונגען, אז דאס, וואס האט זיך דורכגעבראכען ביי איהם אין משך פון א צעהנדליג יאהרען, איז ניט געווען דער אויסדרוק פון זיין אייגענעם איך, וואו ס'איז געלעגען פארבארגען הינטער דעם געדאנקען־שפיעל פון דעם גריבלער און די זעלבסט־פארוואנדלונגען פון דעם דיכטער.

מיט אמאל האט ער אפגעשאקעלט יעטווידען צווייפעל פון זיך און איז געבליבען שטעהן, מיט וואלטער'ס אלטער קלינג בליצענדיג אין דער האנט, אקוראט ווי ע ר אונבאשטרייטבאר דורך זיין וויץ, פונקט ווי ע ר דער מורא'דיגער שונא פון יעטווידער קירבען־מאכט, אקוראט ווי ע ר דער פארטיידיגער פון אומשולדיגקייט. נאר ער איז נאך געגאנגען ווייטער פון וואלטער'ן, און האט זיך ארויסגעגעבען אלס פריינד פון די ארעמע אין דעם גרויס־פאליטישען קאמף.

דאס וואס דער דאזיגער דורכברוך איז געקומען, איז אהן שום ספק געווען א רעזולטאט דערפון, וואס איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז פראנקרייך'ס גאנצע קולטור, איהר אלטע שטעלונג אלס די היים פון דער גערעכטיגקייט, שטעהט אין געפאהר; אבער אהן אן אנשטויס פון דרויסען וואלט דער דורכברוך פיליכט ניט געקומען. מעהר איידער אימיצער אנדערש האט דא אפשר מיטגעווירקט פראנס'עס א פריינדין. אין וועמעס הויז ער איז

אנאטאָל פראַנס

יאָהרענלאַנג געווען דער ליעבסטער טעגליכער גאַסט און וואו ער האָט זיין צווייטע היים.

פראַנס האָט לאַנג ניט געטראַכט און ארויפגעלייגט זיין נאָמען אויפ'ן וואָגשאָל, ווען אין פראַנקרייך האָבען זיך צוויי לאַגערען פאַרמאָסטען אין די כוחות; פון איין זייט אַ הייפעלע אויסערוועהלטע מענער און פון דער אַנדער זייט די אַרמעע, די קירכע, די הערשענדע קלאַסען און די פאַרפיהרטע מאַסע.

אין זיין אייגענשאַפט אַלס קעמפער האָט פראַנס אָנגעשריבען די צוויי לעצטע בענד פון זיין „מאָדערנער געשיכטע", ארויסגעגעבען זיינע רעדעס אין דעם „קאַהיע דע לאַ קענזען", גערעט ביי דער אויפדעקונג פון רענאַן'ס סטאַטוע און אויף זאָלאַ'ס קבר און אָנגעשריבען זיין פאָרוואָרט צו די געזאַמעלטע רעדען פון דעם געוועזענעם פרעמיער, עמיל קאָמב.

2.

פראנס האט צייטנווייז זיך אליין פארגעשטעלט אין זיינע ביכער. ער נעמט דאס צוריקגעהאלטענע און קלוגע אין זיין ווע־זען און מאכט דערפון דעם הערר בערזשערע. ער נעמט דעם רוהיגען ציניזם אין זיין וועזען און מאכט דערפון דעם דאקטאר טרובלע אין זיין „קאמישע געשיכטע". ער נעמט זיין ליידענ־שאפטליך שעהנהייטס־ליעבענדען איך און מאכט דערפון דעם סקולפטאר דעשארטר אין דער „רויטער ליליע". ער שטעלט זיך אין דעמזעלבען ראמאן פאר כמעט אונטער זיין אייגענעם נאמען אלס דעם שריפטשטעלער פאל וואנס — פארשטעהט זיך, כדי מען זאל ניט מערקען, אז פראנס איז א חוץ דעם אויך די הויפט־פערזאן, דער סקולפטאר.

אז וואנס ווערט אריינגעפיהרט צו דער העלדין, הייסט עס: „זי האט געהאלטען פאל וואנס פאר דעם איינציגען ווירקליך באגאבטען מאן, וואס איז אריינגעקומען צו איהר אין הויז. זי האט איהם נאך געשעצט, איידער זיינע ביכער האבען איהם געמאכט אזא גרויסען נאמען. זי האט געלייגט א גרויסען ווערט אויף זיין טיפע איראניע, אויף זיין פיין־פיהלענדען שטאלץ, אויף זיין טאלאנט, וועלכער איז רייף געווארען אין דער איינ־זאמקייט".

און פאל וואנס איז אויף אזוי וויט פראנס גופא, אז ביים שלום פונ'ם בוך, ווען ער זאגט: „דער מאן איז געווען קלוג, וועלכער האט געשריבען: לאמיר געבען די מענשען איראניע און מיטלייד אלס עדות און ריכטער", ענטפערט מאדאם מאר־טען־בעלעם: „אבער, הערר וואנס, דאס האט איהר דאך אליין

געשריבען". — און אַזעלכע שטעלען געפינט איהר אין אַ סך ערטער אין פראַנס'עס ביכער.

אַ טיפע איראָניע איז אַלזאָ די ערשטע אייגענשאַפט, וואָס ער שרייבט זיך אַליין צו.

מיר האָבען געזעהן, ווי אַזוי די דאָזיגע איראָניע, פאַרשיידען פון רענאַן'ס בלישטשעט נור דורך דער נאַאיוויטעט פון אַן אַנדער פערזאָן.

אין „טהאאיס", למשל, ווערט די העלדין, אַ גריכישע זונה, געשילדערט אויף אַזאַ אופן: „אַט די פרוי האָט זיך ארויסגע־ציינט ביי פאַרשיידענע פעסט־שפיעלען און האָט זיך ניט גע־שעהמט אויפצוטרעטען אַלס טענצערקע אויף אַזאַ מין אַרט און וויזע, אַז איהרע ריהרעוודיגע און קינסטליכע באַוועגונגען האָ־בען דערמאָנט אַן די שרעקליכע תאוות און אויפגערייצט צו זיי" — דאָס איז געפיהלט און געזאָגט פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ מאָנאַך.

און טאַקי דאָרט גופא זעהט פאַפנוציוס, ווי דער טייוועל מאַטערט נשמות. אין ערגעץ דייטעט דער ערצעהלער ניט אָן קיין שום צווייפעל אָדער אומגלויבען, אין ערגעץ שטעהט ניט, אַז דאָס איז בלויז פאַנטאַזיע, ניט ווירקליכקייט. אדרבה: „קליינע נרינע טייוואַלים האָבען איהם דורכגעבויערט די ליפּען און דעם האַלז מיט גליהענדען אייזען."

די דאָזיגע נאַאיוויטעט איז אַ זעלטענע אייגענשאַפט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. די קונסט פון די פראַנ־צויזען איז (ניט קוקענדיג אויף לאַפאָנטען) בכלל ניט נאַאיוו, נאָר פאַלשטענדיג באַוואוסט, שוין ביי מ אָ ל י ע ר 'ן און אין זיין גאַנצען יאָהרהונדערט. אַזוי ווי אין דעם יאָההונדערט וואָס נאָך איהם. דאָך איז די נאַאיוויטעט אַ געוואַלדיגעם מי־טעל צו שאַפען די קינסטלערישע ווירקונגען, מחמת די ווירקונג, וואָס קומט ניט דירעקט, נאָר אויף אומוועגען, און וועלכע פאַר־כאַפּט אויך דעם לעזער'ס אייגענע מיטאַרבייט, איז שטאַרקער,

איידער די דירעקטע מיטטיילונג, וועלכע גיט ניט דעם פאר־שטאנד דעם מינדעסטען שטוים ווייטער.

דארט וואו פראנס טרעט אויף פאר אונז אלס היסטארישער ערצעהלער, רעט ער טרייהארציג, פונקט ווי א צייט־גענאסע וואלט געערדט און גערעגנקט. דאס שפירט מען אם בעסטען אין „קליא", וואו ער גיט זיך איבעראל אפ מיט גלויבען און אבערגלויבען, מיט פארשטעלונגען און פאראורטיילען פון דער פארגאנגענהייט. עס הייסט, למשל, פון דעם אלטען גריכישען פאעט, וועלכער דארף אונז אייגענטליך געבען א באגריף מכח האמער'ן : „אזוי ווי ער איז געווען א גוטער דיכטער, זיינען זיינע פערזען אין יעדער הינזיכט געווען גלייך צו די פערזען פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס". אין די לידער פון דער פארגאנגענהייט האט ער איינגעפלאכטען פערזען, וואס ער האט אליין געשריבען, אבער ער האט עס פארשטעלט און באהאלטען, מורא האבענדיג, אז מען קען נאך אויף איהם פאראיבעל האבען דערפאר. — פארינאטא דעל אובערטי הויבט אויף דעם בירגער־קריג איבער אלע אנדערע מלחמות. „ער איז", זאגט ער, „שעהן און גרויסארטיג. דער קריג מיט'ן אויסלאנד קען זיין ניצליך, אבער ער ברייננגט ווייניג עהרע". דער אנפיהרער פון דער רוימי־שער קאוואלעריע אונטער צעזאר'ן געפינט פאר ריכטיג און פארנינפטיג, צו ערמארדען דעם הויפטמאן קאם, ווארים ער איז דאך ניט מעהר ווי א בארבאר. דעריבער לאדעט ער איהם פריינדליך איין צו זיך. — דער דיכטער גיט אין ערגעץ ניט צו מערקען מיט קיין שום מינע, אז ער איז ניט איינפארשטאנען מיט די העלדען זיינע.

ס'איז צו באמערקען, אז די דאזיגע טרייהארציגקייט, אט די נאאיוויטעט, איז אויך צו געפינען אין די לעבעדיגסטע גע־שטאלטען, וואס פראנס האט געשאפען. דער נעכסטער כאראק־טער־צוג אין זיי איז געוויינליך א שטארקע און צייטענווייז זעהר אונפארשעהמטע תאוה, נעגען וועלכער פראנס האט ווייניג וואס

איינצעווענדען און ער איז פשוט ענטציקט. בעת ער שטעלט זי פאר.

נעמען מיר, למשל, דעם גלח קוואניאר אין דער „קעניגין פעדאק", א בליץ־געשייטער קאפ, א קינדערשע נשמה, און אומ־פארשעהמטער קערפער. אדער נעמט שולעט אין דער „רויטער ליליע", געניאל, קינדעריש, געזונקען, אומפארשעהמט. ביי די אלע געפינט איהר א מישונג פון נאאיוויטעט און צינישע תאוות, די אומפארשעמטקייט אלס האלב־קינדעריש.

דער גלח קוואניאר גראבט אונטער מיט זיין צוויפעל די יסודות פון אלע אנגענומענע און אנערקענטע מנהגים, און ער פיהרט א זעהר אויסגעלאסענעם לעבען, האלט זיך אבער פעסט ביי דער קאטוילישער רעליגיאן. נאך קינדערשער פון איהם איז זיין תלמיד טורנעבראש. שולעט איז דער אלטער רואינירטער ציגיינער, אייביג יונג אלס דיכטער, אין גאנצען חרוב פון שכרות און מיטלייד מיט די ארעמע און קליינע, ווי עס הייסט פון קוואניאר: „האלב אזוי פרום ווי א פראנצעסקא פון אסיזי, האלב אן אפיקורס, א גרויס, גלויביג, אומפארשעהמט קינד".

אט די פאראייניגונג פון נאאיוויטעט און ציניזם איז דאס צו פארדאנקען וואס דער הונט „ריקע" ווערט איינער פון פראנס'־עס אויסגעצייכענטע כאראקטערע. קיין מאן איז דאך ניט אזוי ציניש ווי א הונט, און קיין קינד קינדערשער.

ס'קומט איהם אן שווער, זיך אריינצולעבען אין הערר בור־זשערע'ס אנשויאונגען. ער פאלט אן אויף דעם בראווען סטא־ליער נור דערפאר וואס ער געהט אין א פראסטער בלוזע און טראגט די געצייג אין די הענט: ער איז דורכגעדרונגען פון אלע אלטע פאראורטיילען פון פארצייטען.

נאר די „געדאנקען" זיינע זיינען א קליין מייסטערווערק פון הינטישער אומשולד און גוט צוזאמענגעפרעסטער איראניע. אט זיינען עטליכע ביישפיעלען:

„מענשען, חיות און שטיינער וואקסען אלץ מעהר, וואס נעהנטער זיי

אַנאַטאָל פראַנס

קומען צו מיר, און זיי ווערען אונגעהייער גרויס, ווען זיי זיינען מיר פאר דער נאָז. איך ניט. איך בלייב דיזעלבע גרויס, וואו איך זאל ניט זיין.

„דער ריח פון הינט איז א זיסער ריח.

„מיין בעל הבית האלט מיך ווארם, ווען איך ליעג הינטער איהם אין זיין לעהן־שטוהל. דאס קומט דערפון, וואס ער איז א גאָט. לעבען קאמין איז אויך פאראַן א ווארימער ברוק־שטיין. דער דאָזיגער ברוק־שטיין איז געטליך.

„איך רייד ווען איך וויל. אויך פון מיין בעל הבית'ס מויל קומען ארויס קלאַנגען, וואס האבען א געוויסען זין. אבער דיזער זין איז ניט אזוי דייטליך ווי דער, וואס איך דריק אויס מיט מיין שטימע. ביי מיר אין מויל האט אלעס א זין. ביי מיין בעל הבית אין מויל איז פאראַן א סך פוסטער ליאַרם.

„פאראַן וועגענער, וואס פערד שלעפען אויף די גאסען. זיי זיינען שרעקליך. פאראַן ווידער וועגענער, וועלכע לויפען פון זיך אליין און סאפען שטארק. אויך זיי זיינען פול מיט פיינדשאַפט. מענשען אין טראַנטעס פארדיענען געהאסט צו ווערען, אויך די, וואס טראגען קערב אויף די קעפ אדער וועלכע קאטשען פעסער.

„איך קען אויך ניט ליידען די קליינע קינדער, וואס לויפען ארום איבער די גאסען, יאגען זיך און פאקען זיך איינע די אנדערע, מאכענדיג מורא'דיגע געוואלדען,

„מחשבות'ן, כ'האב ליעב מיין בעל הבית בערזשערע, ווייל ער איז שטארק און שרעקליך.

„א טאט, פאר וועלכער מען קריגט שמיץ, איז א שלעכטע טאט. א טאט, פאר וועלכער מען ווערט געגלעט, איז א גוטע טאט.

„ג ע ב ע ט. אָה, מיין הערר בערזשערע, דו גאט פון פלייש און בלוט, כ'פארגעטער דיך. אז דו ביסט בייז און שרעקליך, זיי געבענשט! זיי געבענשט, ווען דו ביסט גוט און פריינדליך! איך קריך דיר אונטער די פיס, כ'לעק דיר די הענט! דו ביסט זעהר גרויס און זעהר שעהן, ווען דו פארשלינגסט די אונגעהייער גרויסע שטיקער פלייש ביי דיין געדעקטען טיש. דו ביסט זעהר גרויס און זעהן שעהן, ווען דו רופסט ארויס דעם פלאם מיט א קליינטשינקען הילצערנעם שפענדעל און מאכסט די נאכט צום טאג. האלט מיך ביי דיר אין הויז און לאז קיין אנדער הונט ניט אריין!"

דאס איז א פאראָדיע, א שפאָטהאַפטער וואונק אויף די פרומקייט און רעליגיעזע אונטערוואָרפענהייט פון די מענשען,

אנאטאל פראנס

אויסגעפיהרט מיט דער גרעסטער גוטמוטיגקייט, און דאך זעהר שארף.

און אז הערר בערזשערע ווענדעט זיך אלזא צו דעם דאַזיגען הונט, ווענדעט ער זיך צו דעם גאנצען צוריקגעבליבענעם טייל פון דער מענשהייט.

„אויך דו, ארימע, קליינע, שווארצע בריאה, וואס דו ביסט אזוי שוואך, ניט קוקענדיג אויף דיינע שפּיציגע ציינער און אויף דיין טיעפען פּיסק, אויך דו דיענסט די אויסערליכע גרויסקייט און די אוראלטע רעליגיאן פון דער אונגערעכטיגקייט. אויך דו לאזט דיך פארפיהרען פון ליגען און באַטרוג. אויך ביי דיר איז פאראן ראסענהאס.

„כ'ווייס גאנץ גוט, אז דו באזיצסט א דונקעלע גוטסקייט, קאליבאן'ס גוטסקייט. דו ביסט פרום, דו האסט זיך דיין טעאלאגיע און דיין מאראל. און דו קענסט נישט קיין בעסערעס דערפון. דו גיסט אכטונג אויפ'ן הויז און פארטיידיגסט עס, זאגאר געגען דעם, וועלכער איז זיין פארטיידיגער און זיין ציערונג. דער בעל מלאכה, וועמען דו האסט געוואלט פאריאגען פון דאנען, אט ווי איינפאך ער איז, האט ער פונדערסטוועגען אויסגעצייכענטע געדאנקען. דו האסט זיי נישט געהערט.

„דיינע האריגע אויערען הערען זיך ניט צו צו דעם, וואס רעדט אָם בעסטען, נאר צו דעם וואס שרייט אויפ'ן העכסטען קול. און די מורא, די נאטירליכע מורא, וועלכע איז געוועז די ראט־געבערין פון דיינע און מיינע אורעלטערען, בעת זיי האבען נאך געוואוינט אין די הייהלען, די מורא, וועלכע האט באשאפען די געטער און די פארברעכען, מאכט, דו זאלסט זיך אפּקערען פון די אונגליקליכע און רויבט פון דיר אוועק יעטווידע רחמנות".—

די איראניע וואקסט און ווערט שטארקער, דערמיט וואס זי ווערט איינגעהילט אין דעם הונט'ס אומשולד. אזוי איז זי געוועהנליך ביי פראנס'ן פארוויקעלט. דאסזעלבע קומט אויך פאר אין זיין בוך „הערר בערזשערע", ווען ער דעקט אויף דעם געדאנקענגאנג פון זיינע געגנער אין צוויי פארגעלעזענע קאפּיטלען פון א כלומר'שטען ווערק פון 1538טען יאהר, וואו פראנס האט אויף א מייסטערהאפטען אופן נאכגעמאכט די שפּראך, דעם סטיל און דעם געדאנקענגאנג פון דעם 16טען יאהרהונדערט; „די שריפט איבער די טרובליאנס", די דעמאלדיגע נאַציאנאליסטען.

אנאטאל פראנס

פונקט ווי פראנס'עס גייסטיגע אנלאגען דערמאנען איבערהויפט אביסעל אן וואלטער אלס ערצעהלער, אזוי ליגט אויך אביסעל פון וואלטער'ס „קאנדיד" הינטער זיינע העלדען און אין גייסט פון זיינע ראמאנען. אויך קאנדיד איז געווען נאאיוו. פראנס האט געהאלטען אין איין לעזען וואלטער און האט זיך זעהר פיעל אנגענומען פון איהם. אזא מין וואלטערישען זאץ ווי דער, למשל: „דער גלויבען אין אונשטערבליכקייט און די באנוויל־שטאפען האבען א גרויסען אפגאנג אין אפריקא", קלינגט אקוראט ווי פראנס וואלט איהם אנגעשריבען. געווים אין די נאאיוויטעט ביי פראנס'ן עכטער, וועהרענד די פארהעלטניסע פון די ביידע שריפטשטעלער, וואס אנבאלאנגט זייער גרויסקייט, זיינען, פארשטעהט זיך, ווייט איינס פון אנדערען.

* * *

די פיער בענד פון זיין „מאדערנער געשיכטע", זיינען, אמת, ניט אלע גלייך אין ווערטה, נאר אלס גאנצעס איז דאס זעהר א גלענצענדעס ווערק פון געזונטער ערפארונג און הויכע איבערלעגענהייט. די הויפט־פערזאן, דער זאנפטער און קלוגער העררבערזשערע, שטעהט אלס טיפ ניט נידריגער פון די פערזענליכקייטען, אין וועלכע אנדערע גרויסע פראנצויזישע דיכטער האבען זיך פארקערפערט. ער איז א ווירדיגער ברודער פון אזעלכע ראמאנען־העלדען ווי אלסעסט, פיגארא און מערקאדע.

נאך קינסטלערישער איידער די גרויסע ערצעהלונג פון עטליכע בענדער זיינען די מאדערנע נאוועלען זיינע, וועלכע זיינען פאראייניגט אין דער זאמלונג „קרענקעביל". די קליינע געשיכטע, נאך וועלכער די זאמלונג רופט זיך, ווערט דערצעהלט מיט מילדקייט, פראסטקייט, ביטערקייט און שארפקייט. די האנדלונג איז אזוי איינפאך, אז זי לאזט זיך דערצעהלען אין עטליכע ציילען. א בראווער אלטער מאן, וועלכער האנדעלט מיט גרינוואַרג אין די גאסען, איז געבליבען שטעהן מיט זיין וועגעלע לעבען א קראם אין א זעהר רוישיגער גאס. א פרוי

האט ביי איהם געקויפט א בינטעל גרינע ציבעלע און ער ווארט
אויף דאס געלט. א פאליציסט פאדערט איהם אויף צו געהן
ווייטער און נית בלייבען שטעהן אויף אן ארט. „איך ווארט
אויף מיין געלט“, מורמעלט דער אלטער. נאר דער פאליציסט
ווידערהאלט א צווייטען מאל זיין אויפפאדערונג און אין א
ווילע ארום א דריטען מאל. און טאקי גלייך נאכדעם ווערט
ער מלא רציחה פאר דעם אלטען׳ס „ווידערשטאנד געגען דער
פאליציי“; ער ארעסטירט איהם, און אין געריכט ווערט דער
אלטער געמיזע־הענדלער באשולדיגט, אז ער האט זיך באנוצט
געגען דער פאליציי מיט דעם פאפולערען פראנצויזישען שימפ־
ווארט, וועלכען ער האט אין דער אמת׳ן איבער די ליפען נית גע־
בראכט. דער ריכטער, וועלכער גלויבט דעם פאליציסט גיכער
איידער דעם ארימען מאן, פאר׳משפט איהם צו 14 טאג געפענג־
נים און 50 פראנק שטראף.

אז ער קומט ארויס פון טורמע, געפינט ער, אז זיינע קונים
האבען שוין אנגעהויבען איינקויפען זייערע זאכען ביי אן אנ־
דערען און זיי ווילען פון איהם, דעם באשטראפטען, נית וויסען.
וואס ווייטער זינקט ער אלץ מעהר אין ארימקייט און עלענד,
ביז וואנען ער האט ענדליך קיין אנדער ברירה נית, נאר צוגעהן
צו א פאליציסט און איהם ארייזאגען אין פנים אריין דאס
זעלבע שימפווארט, פאר וועלכען ער איז פריהער מיט אונרעכט
באשטראפט געווארען. און טאן טוט ער עס, כדי צו האבען א
שטיקעל דאך איבער׳ן קאפ — אין געפענגנים. דער פאליציסט
אבער, וועלכער שטעהט מיט סטאאישער רוהיגקייט אין א גוס־
רעגען, אנגעשפארט אן א שטאנג פון א לאמטערנע, קוקט
זיך נית אום אויף דער באליידיגונג און ריהרט זיך נית פון
ארט, אזוי אז זאגאר די לעצטע האפנונג פון דעם ארימען אל־
טען בלייבט אונערפילט.

אויב „קרענקעביל“ איז ריהרענד, איז די וויטערדיגע קליינע
ערצעהלונג „פיטוא“ אזוי וויציג ווי טיפזיניג.

„לוסיען“, זאָגט פריילין זאַע צו איהר ברודער, הערר בערזשערע, „דו געדענקסט נאָך פּיטוא'ן ?“

„צי איך געדענק פּיטוא'ן !... פון אַלע פיגורען פון אונזערע קינדערשע יאָהרען איז פּיטוא'ס געשטאַלט געבליבען איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון. ער האָט געהאַט אַ שפּיציגען שארבען...“

„אַ נידעריגען שטערן“, לעגט צו פריילין זאַע

און ברודער און שוועסטער רעכענען אויס מיט אַ מאָנאָטאָנער שטימע און מיט אַ מאָדנער ערנסטקייט כסדר, איינעם נאָכ'ן אַנדערן, פּיטוא'ס פרידמעטעס :

„אַ נידעריגען שטערן — גלעזערנע אויגען. — אַ גנב'ישען קוק. — מיט אַ בראָדיווקע אויפ'ן שלייף. — די אויבערבאַקען שפּיציג, רויט און גלאַנציג. — מאָגער, אַביסעל הויקערדיג, שוואַך אין אויסזעהן... — אין דער ווירקליכקייט אָבער איז ער געווען זעהר שטאַרק. — ער פלעגט לייכט צונויפבויגען אַ פינףפראַנק־שטיק צווישען דעם לאַנגען און גראָבען פינגער... — וועלכער איז ביי איהם געווען געוואַלדיג גרויס.“

און פיעלע אַנדערע איינצעלהייטען.

הערר בערזשערע'ס טאָכטער, פּאָולין, פרעגט : „וואָס איז ער דאָס געווען אַזוינס, אָט דער פּיטוא ?“ און דער פאָטער דערצעהלט איהר, אַז פּיטוא איז געווען אַ גערטנער, אַ זוהן פון אַנשטענדיגע בויערען ; אַז ער האָט זיך באַזעצט אין סענטאָמער אַלס פרוכט־גערטנער, נאָר ער האָט ניט צופרידענגעשטעלט זיינע קונים און דעריבער געמאַכט שלעכטע געשעפטען, האָט ער אוועקגעוואָרפען דעם מסחר און איז געגאַנגען אַרבייטען אויפ'ן טאָג. אָבער די וואָס האָבען איהם באַשעפטיגט זיינען ניט אימער געווען צופרידען פון איהם ; זיין כאַראַקטער איז ניט געווען אָם בעסטען... אַז דער אַלטער בערזשערע פלעגט אַמאָל ניט געפינען אויפ'ן שרייב־טיש זיין טינטער, אָדער זיין

שערעל, פלעגט ער זאָגען. „כ'האָב מורא, אַז פּיטוא איז דאָ גע־וועזן".

„דאָס איז אַלעס?" פרעגט פּאולין.

„ניין, מיין קינד, דאָס איז ניט אַלעס. דאָס מערקוויר־דיגסטע מיט פּיטוא'ן איז געוועזן דאָס, וואָס ער איז אונז, דוכט זיך, געוועזן באַקאַנט, גוט באַקאַנט, און דאָך..."

„האָט ער ניט עקזיסטירט", האָט געזאָגט זאַע.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט, זאַע!" האָט אויסגערופען הערר בערזשערע. „פּיטוא האָט ניט עקזיסטירט. וואָגסט דו עס צו זאָגען, זאַע? וואָלסט דו עס געקענט דערווייזען? צי האָסט דו פאַרט גענוג געקלערט וועגען די באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ און די אַרט און ווייזע פון זיין?"

און דאַן ערקלערט הערר בערזשערע זיין טאָכטער, אַז בעת פּיטוא איז געבוירען געוואָרען איז ער שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענש, דאַן ווען ער אַליין און זיין שוועסטער זיינען נאָך געוועזן קליינע קינדער. די בערזשערעס האָבען געוואוינט אין אַ קליין הייזעל אין אַ פאָרשטאָט פון סענט־אָמער. אַ שטיקעל צייט האָבען זיי דאָרט געפיהרט אַ רוהיג און צוריקגעצויגען לע־בען, ביז זיי זיינען איינמאָל אויסגעפונען געוואָרען פון אַן אַל־טער דאַמע מיט'ן נאָמען מאַדאַם קאַרנויע, דער מאַדאַם בער־זשערע'ס אַן עלטער־מוהמע. זי האָט געהאַט אַן אייגען הויז אין יענער געגענד. נו, האָט זי זיך אַלס קרובה צוגעטשעפּעט צו די בערזשערעס, אַז זיי מוזען יעדען זונטאָג אַרויסקומען צו איהר אויף נאַכטמאָהל, ערקלערענדיג, אַז אָנשטענדיגע מענשען דאַרפען זונטאָג עסען אין פאַמיליע.

אַזוי ווי הערר בערזשערע האָט זיך געלאַנגווייליגט צום טויט פון אַט די אונטערהאַלטונגען, האָט ער ענדליך רעבעלירט, זיך אָנטזאָגט צו געהן און איבערגעלאָזען פאַר זיין פרוי די זאָרג אויסצוקלערען תירוצים, כדי זיך אויסצודרעהען פון די איינלאַ־דונגען. און אַזוי איז עס געקומען, אַז די מאַדאַם בערזשערע,

וועלכע האָט געוועהנליך קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט, האָט איין טאָג געענטפערט מאַדאַם קאַרנויע אויף איהר איינלאַדונג: „היינטיגע וואָך קענען מיר ניט קומען. דעם זונטאג ערוואַרט איך דעם גערטנער". — פיטוא האָט געקראָגען זיין ערשטע אייגענשאַפט.

אַרויסקוקענדיג פון פענסטער אויף דאָס פיער־עקיגע שטיק ערד, האָט מאַדאַם קאַרנויע געפרעגט מיט ערשטוינונג, צי דאָס איז דער גאָרטען, וואו ער דאַרף דאָס ארבייטען, און ווען מען האָט איהר געענטפערט, אַז יאָ, האָט זי גאַנץ נאַטירליך באַמערקט, אַז ער וואָלט דאָך פונקט אַזוי גוט געקענט ארבייטען אין אַ וואָכען־טאָג... און מאַדאַם בערזשערע האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט ענטפערען, אַז דער מאַן קען קומען בלויז זונטאַג, ווייל ער איז פאַרנומען די גאַנצע וואָך.

„ווי אַזוי רופט איהר איהם, מיין ליעבינקע, דעם גערטנער אייערען?" האָט מאַדאַם קאַרנויע געפרעגט. — „פיטוא", האָט מאַדאַם בערזשערע געענטפערט, גאָר אָהן איבערלעגונג. פון דעם מאָמענט וואָס ער האָט געקראָגען אַ נאָמען, האָט פיטוא אָנגעהויבען פיהרען אַ געוויסע סאָרט עקזיסטענץ. ווען די אַלטע מאַדאַם קאַרנויע האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואו ער וואוינט, איז ער געוואָרען אַ מין וואַנדערענדער ארבייטער, אַ וואַגאַבונד אייגענטליך, אַזוי אַז צו זיין עקזיסטענץ און צו זיין נאָמען איז איהם איצט אויך צוגעקומען אַ טיטול, אַ כאַראַקטער־צייכנונג.

ווען מאַדאַם קאַרנויע באַשליסט, איהם צו נעמען ארבייטען ביי זיך ווערט פיטוא אומענטדעקבאַר; זי קען איהם ניט געפינען. זי פרעגט זיך נאָך ביי אַלע איהרע שכנים, פריינד און באַקאַנטע. די מעהרסטע פון זיי האָבען געדענקט, אַז זיי האָבען איהם געזעהן, אַנדערע האָבען איהם זאָגאַר געקענט, נאָר זיי זיינען ניט געווען זיכער וואו ער איז אין דעם מאָמענט. דער רעגירונגס־קאָלעקטאָר, הערר בלעז, האָט דייטליך ערקלערט, אַז פיטוא האָט ביי איהם אין הויף געהאַקט האָלץ עטליכע טעג אין

דעם יאהר, ווען ס'האט זיך געוויזען דער קאמעט אויפ'ן הימעל...

דער טאג איז געקומען, ווען מאדאם קארנויע האט געקענט דערצעהלען די בערזשערעס אז זי אליין האט איהם געזעהן: א מאן פון א יאהר פופציג, א מאגערער, איינגעהויקערט, א וואגאבונד, מיט א שמוציגער בלוזע. זי האט א געשריי געטאן „פיטוא!" און ער האט זיך אומגעקוקט...

פון דעם טאג אן איז פיטוא אלץ מעהר און מעהר געווארען א ווירקליכקייט. ביי מאדאם קארנויע האט מען דערוויילארויסגע'גנב'עט דריי קאווענעס פון גארטען. זי האט חושד געווען פיטוא'ן. דער „זשורנאל פון סענט-אמער" האט געדרוקט א באשרייבונג פון איהם, פון וועלכער ס'איז קענטיג געווען, אז ער האט געהאט א פנים פון א געוועהנליכען פארברעכער. דאן האט זיך געמאכט נאך א גנבה ביי מאדאם קארנויע אין הויז: מען האט איהר ארויסגענומען פון בופעט דריי זילבערנע לעפעלאך. זי האט דערקענט פיטוא'ס האנט. פון דאן אן איז ער געווארען דער טויט-שרעק פון'ם שטעטעל.

ווען מאדאם קארנויע געפינט אויס, אז איהר קעכין, גידיל, שוואנגערט, פאלט איהר איין, אז דאס איז פיטוא'ס ארבייט, אז דאס האט ער זי פארפיהרט, און דיזער חשד פארפעסטיגט זיך אין איהר, נאכדעם ווי זי שטעהט צו צו דער דינסט, וועלכע הערט ניט אויף צו וויינען, אבער ענטפערט ניט אויף קיינע פון די פראגען. אזוי ווי גידיל איז געווען זעהר א מיאוס'ע, מיט א בארד, האט זיך דאס שטעטעל פיין אמוזירט מיט דער געשיכטע. ביי די איינוואוינער פון סענט-אמער איז פיטוא געווען א שד. מען האט געזאגט אויף איהם, אז ער איז דער טאטע פון נאך פינף אדער זעקס אנדערע קינדער, וועלכע זיינען געבוירען געווארען דעם זעלבען יאהר, אונטער טרויעריגע אומשטענדען... אזוי האט פיטוא געקראגען א שם פאר א ווירקליכען מאנסטער.

קינדער האבען איהם איבעראל באמערקט. זיי פלעגען איהם זעהן פארבייגעהענדיג פארביי דער טיר אין דער פינסטער, אדער

קלעטערענדיג אויף דער וואנט פון גארטען. זאָ'ס פופען פלעגט ער אויסשמירען מיט טינט. ער פלעגט וואויען אויף די דעכער מיט די קעץ, פלעגט בילען מיט די הינט, ארומזשומזשען אין די שאפעס און נאכמאכען דעם געזאנג פון די שכורים אויף דער גאס.

הערר בערזשערע איז געווען פאראינטערעסירט אין איהם אלס א טיפ פון די מענשליכע אמונות, און אזוי ווי גאנץ סענט־אמער האט געגלויבט אין פיטוא'ס עקזיסטענץ, האט ער, אלס גוטער בירגער, ניט געוואָלט טאן קיין זאך צו צוטרייסלען זייער גלויבען.

מאַדאם בערזשערע ווידער פלעגט זיך צייטענווייז מאכען פארווירפע וואס זי האט געבראכט פיטוא'ן אויף דער וועלט. ווארים נאך אלעמען איז פיטוא געבוירען געווארען פון א ליגען וואס זי האט געזאגט, פונקט ווי דער מורא'דיגער קאליבאן פון דעם דיכטער'ס א ליגען. דאך איז זי איין טאג זאגאר בלאס געווארען פאר שרעק, ווען די דינסט איז אריין צו איהר און זאגט איהר, אז א מאן וויל זי זעהן. ער דארף, זאגט ער, ריידען עפעס מיט דער מאַדאם. „וואס פאר א מאן איז עס? — א מאן אין א בלוזע; ער זעהט אויס ווי א דארף־ארבייטער, — ער האט געזאגט ווי ער הייסט? — יא, מאַדאם. — נו, ווי־זשע רופט מען איהם? — פיטוא. — ער האט אויך געזאגט, אז ער הייסט... — פיטוא? יא מאַדאם, — וואס וויל ער? — ער האט עס מיר ניט געזאגט. ער וויל עס קיין אנדערען ניט זאגען, נור דער מאַדאם. — געהט פרעגט איהם נאך אמאל.“

אז די דינסט איז אריין צוריק אין קיך, איז שוין פיטוא דארט ניט געווען. נאך פון יענעם טאג אן האט מאַדאם בערזשערע אליין אנגעהויבען גלויבען, אז זי האט אפשר גאר קיין ליגען ניט געזאגט...

די געשיכטע איז טיעף און פיין. זי דרעהט זיך ארום דעם, וואס אן איינגעבילדעטעם לעבען הייסט אזוינס. אויף א מיטאַ־

לאגישען אופן קומט פיטוא אויף דער וועלט, און ער ווירקט מיט דער קראפט פון מיטהישע געשטאלטען. קיינער קען ניט אפ־לייקענען די ערשאפט פון מיטהישע וועזענס איבער דאס געמיטה פון די מענשען און זייער ווירקונגס־קראפט אין די מענשליכע זעלען. געטער און געטינס, גייסטער און הייליגע האבען אריינ־גענאסען האפנונג און שרעק אין די הערצער, זיי האבען זייערע מזבחות געהאט, צו פארברעכען צוגערעדט, פון זיי זיינען ארוים־געקומען מנהגים און געזעצען. טויזענט יאהר נאכאנאנד איז די מענשליכע איינבילדונגס־קראפט פול געווען מיט וואלד־רוחות און שדים, מיט וועמען די סקולפטארען און די מאלער האבען זיך כסדר באשעפטיגט. דער טייוועל האט זיך זיין פיעל־טויזענט יעהריגע געשיכטע, ער איז געווען מורא'דיג, וויציג, תמ'עוואטע, גרויזאם, ער האט געפאדערט מענשליכע קרבנות און איז ניט נאר פארגעטערט געווארען פון צויבערער און מכשפות, נאר ער האט ביז אויף היינטיגען טאג זיינע פריסטער געהאט. פראנס האט אבער ניט נאר דעם טייוועל אין זינען, ער געהט א סך הע־כער ארויף.

און ער וויל אויף א וויציגען אופן ווארפען א ליכט ניט נור אויף דעם ווי אזוי מיטאלאגישע, פאבעלהאפטע מעשה'לאך ווע־רען געשאפען און אויפגעהאלטען, נאר אויך אויף דער מענשלי־כער אורטיילס־קראפט. ווען די מוהמע איז חושד מאדאם בער־זשערע, אז זי וויל באהאלטען דעם וואנדערענדען גערטנער פאר זיך און וויל פיטוא'ן נאר ניט אפטרעטען פאר אנדערע, בא־מערקט דער פארפאסער מיט א שמייכעל, אז א טייל געשיכטליכע אורטיילען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון אלע מענשען, זיינען פונקט אזוי באגרינדעט ווי יענע השערה איז געווען. דא, אזוי ווי ערגיץ אנדערש, באהויפטעט פראנס, אז עס איז לעכער־ליך צו גלויבען אין דעם גערעכטען אורטייל פון דעם קומענדען דור.

ער האט זיך אימער געוואונדערט, ווי אזוי מאדאם ראלאנד

האט געקענט אפעלירען צו דער אומפארטייאישקייט פון די קו־מענדע דורות און האט גאר ניט בארעכענט, אז אויב די צייט־גענאסען איהרע זיינען געווען רשעות'דיגע אפען, איז העכסט ווארשיינליך, אז די קינדער זייערע וועלען אויך זיין אזעלכע רשעות'דיגע אפען, ווי זיי אליין.

די וועלט־געשיכטע איז דאס וועלט־געריכט, זאגט שילער. ווער עס גלויבט, דער ווערט גליקליך. די שפעטערדיגע דורות זיינען גאר גערעכט אויף אזוי ווייט, ווי די זאך געהט זיי ניט אן, און אזוי ווי זיי קענען גאר מיט די גרעסטע שווערינקייט נעמען די טויטע אויפ'ן פארהער, און אזוי ווי זיי באשטעהן א חוץ דעם פון מעהר אדער ווייניגער באשריינקטע מענשען, ארבייט זיך דאס וועלט־געריכט אויך לויט דעם אויס. די געשיכטליכע גערעכטיגקייט איז א פיטוא.

די באריהמטהייט, די עהרע איז א פיטוא, אן איינגעבילדעטע בריאה אהן לעבען, אהן א ממשות, נאך וועמען א מאסע מענשען יאגען זיך נאך, און וועלכע ווערט צו גארנישט גראד דאן, ווען ס'האט איינענטליך געדארפט אריינטרעטען אין קראפט. דאס הייסט, נאך זייער טויט.

איבעראל איינגעבילדעטע, ארטיפיציעלע עקזיסטענצען, וועלכע גיבען זיך אויס און ווערען אנגענומען פאר ווירקליכקייטען! ס'איז גארנישט נויטיג זיך אפצושטעלען ביי דער רע־ליגיאן, וואו עס איז גרינג צו געפינען פיטוא'ן; זיין גרויסער שאטען פאלט אויף דער גאנצער טעאלאגיע. אבער מען דארף זיך נאר דערמאנען אן די אילוזיעס אין דער פאליטיק, אן דער ראלע פון די טיטלען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען. אדער מען דארף בלויז בארעכענען, וואס פאר א פלאץ די איינגעביל־דעטע עקזיסטענצען פארנעמען ביי אונז אין די געפיהלען! מען וואלט אויך געקענט צייכנען דאס בילד פון דער געליעבטער, וואס שאפט זיך ביי'ם ליעבהאבער אין דער פאנטאזיע אין דעם אויגענבליק וואס ער זעהט פאר זיך אלע איהרע כלומר'שטע

אנאטאָל פראַנס

מעלות; און נעבען דעם דאָס בילד וואָס בלייבט איבער פון איהר, ווען די ליעבע איז פאַרביי און מיט איהר אויך די אַלע איינענשאַפטען פון דער געליעבטער, וועלכע האָבען איהם פריהער צוגעצויגען צו איהר — די צייכנונג פון ערשטען בילד וואָלט דאַן אויסגעזעהן ניט ווייניגער אונווירקליך, איידער די צייכנונג פון פּיטוא.

דער, וואָס לעזט דורך די דאָזיגע קליינע נאָוועלע און לאָזט זיך דערנאָך אריין אין טרוימערייען, פיהלט, וויפיעל געדאַנקען זי רופט ארויס, און אזוי ווי די איינוואויגער פון סענט־אָמער שפּירט ער פּיטוא׳ן איבעראַל.

3.

דער פעהלער פון די מעהרסטע היסטאָרישע שילדערונגען באַשטעהט דאָך אין דעם, וואָס די בילדער ווערען פאַרטראָגען פון דער פאַרגאַנגענהייט און צוגעפּאַסט צו דער באַדייטונג, וועלכע זיי האָבען געקראָגען פאַר אַ שפּעטערער צייט. ביי גאָבינאָ'ן רעדט מישעל אַנזשעלאָ וועגען ראַפאַעל'ן, ווי מען האָט גערעדט פון איהם אין 19טען יאָהרהונדערט, ווען מען האָט זיי צוזאַמען דערמאָנט. ביי אָסקאַר ווילד רעדט יאָהאַן דער טויפער אַקוראַט ווי אין די עוואַנגעליען, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אַ צייט לאַנג נאָך זיין טויט. וואו יעזוס'עס געשטאַלט זאָל ניט באַריהרט ווערען אין דער מאָדערנער פּאָעזיע און קונסט, אַלצאַיינס אין וואָס פאַר אַ גייסט, ביי פּאָול העיזע, ביי דעם יאַפּאַנער סאַדאַקיכי האַרטמאַן, אָדער ביי דעם דענע עדוואַרד סעדערבערג, — איבעראַל איז ער די הויפּט־פיגור פון זיין צייט וואָס באַשעפטיגט אַלעמען.

אין זיין נאָוועלע „דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה" האָט פראַנס אָוועקגעשטעלט יעזוס'ן אויף זיין ריכטיגען פּלאַץ. אַז יעזוס'עס אויפטרעטען און דער טויט זיינער האָט צו זיין צייט פאַראינטערעסירט בלויז אַ קליינע מחנה פון פּראָסטע מענשען אין ירושלים, איז פאַר יעדען איינעם, וואָס קען נאָר לעזען, שוין באַקאַנט דורך דעם אליין, וואָס דער היסטאָריקער פון יענער צייט, יאָזעפוס, וועלכער ווייסט אַלעס, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין פּאַלעסטינאַ, קען איהם ניט און דערמאָנט אפילו זיין נאָמען ניט.

ווען מען וויל אונז איינריידען, אַז אַ געשעהעניש ווי די קרייציגונג האָט פאָרט געמוזט מאַכען אַ רושם, פאַרגעסט מען

זיך, וואס פאר אן אלגעמיינע און אונבאדייטענדע זאך א קריי־
ציגונג איז געווען אין יענע אונרוהיגע צייטען. שפעטער,
אין 70טען יאהר, ווען די רוימער האבען, לויט יאזעפוס'ן, גע־
הרג'עט 13 טויזענד אידען אין סקיטהאפאלים, 50 טויזענד אין
אלעקסאנדריען, 40 טויזענד אין יאטאפאטא, בסך הכל א מיליאן
מיט 100 טויזנד, — דאן האט טיטוס געלאזט קרייציגען דורכ־
שניטליך 500 אידען יעדען טאג. זיי פלעגען געפאנגען ווערען
נעבען דער מויער פון ירושלים, ווען זיי פלעגען זיך ארומדרעהן
דארט, געפלאגט פון דעם הונגער: דאן פלעגט מען זיי מאטערן
און גלייך נאכדעם זיי אנשלאגען צום קרייץ. אזוי אז עס איז ענד־
ליך אין פאלעסטינא ניט געבליבען קיין האלץ אויף קרייצען.

צו זיין הויפט פערזאן האט זיך פראנס אויסגעקליבען דעם
רוימער טיטוס אייליוס לאמיא, א יונגער לעבע־מאן, וועלכער
ווערט פארטריבען צוליעב א ראמאן, וואס ער האט געשפיעלט
מיט דער פרוי פון דעם קיסר טיבעריוס'עס א קאנזול, און וועמען
פראנס ברייננגט אראפ קיין פאלעסטינא און לאזט איהם אויפגע־
נומען ווערן אלס גוטען גאסט ביי פאנטיוס פילאטוס אין הויז.
זייט דאן זיינען שוין אריבער אן ערך פערציג יאהר, און אייליוס
לאמיא האט זיך שוין פון לאנג אומגעקערט קיין איטאליען. ער
געפינט זיך איצט אין באיאע, וואו ער נעמט בעדער, און זיצט
גראד אויף א בערגעל ביי'ם וועג, לעזענדיג זיין לוקרעציוס, ווען
עטליכע שקלאפען טראגען דורך א שטול און עס דוכט זיך אים
לאמיא'ן, אז אויף דיזען שטול זיצט זיין אלטער, זיין אמאליגער
גאסט־פריינד.

און עס איז ווירקליך פאנטיוס, וועלכער וואוינט דא אין דעם
באד־ארט מיט זיין עלטסטער טאכטער, די אלמנה. זיי ריידען
זיך פאנאנדער מכח די אמאליגע טעג, וועגען דער שווערער מיה,
די אלע צרות, וואס פאנטיוס האט געהאט מיט יענע אידען, וועל־
כע האבען ניט געוואלט טראגען דעם קיסר'ס בילד אויף זייערע
פאהנען, און וועלכע האבען זיך גיכער געלאזט דערשלאגען אויף

טויט, איידער קניען פאר'ן בילד: אלע ווײלע זיינען זיי געקו־
מען צולויפען צו איהם און פארלאנגט דעם טויט פון וואס פאר
ס'איז אונגליקליכען, וועמעס פארברעכען ער האט בשום אופן
ניט געקענט אויסגעפינען און וועלכער איז איהם פארגעקומען
פונקט אזוי פארריקט ווי זיינע אנקלעגער. לאמיא באמערקט,
אז פאנטיוס'ן האט געפעהלט דער בליק פאר די גוטע אייגענ־
שאפטען פון די דאזיגע אידען, אבער ער איז זיך מודה, אז ער
אליין האט געפיהלט א באזונדער ליעבשאפט צו די אידינען.
איין אווענד האט ער געזעהן איינע פון זיי אין א שיינק־קעלער,
ווי זי טאנצט אויף א שלעכטען טאפעט ביי א שרעקליכען ליכט
מיט אויפגעהויבענע ארעמס צום קלאנג פון די צימבלען. דער
טאנץ איז געווען בארבאריש, דאס געזאנג הייזעריג, אבער די
באוועגונג פון די פיס איז געווען צויבעריי און דער בליק איהרער
איז געווען דער בליק פון קלעאפאטרא. געדיכטע רויטע האר
האט זי געהאט, און א לאנגע צייט איז ער איהר נאכגעגאנגען
איבעראל. „אבער זי איז אנטלאפען פון מיר", האט ער ווייטער
דערצעהלט, „אזוי גיך ווי דער ארימער פריידיגער און וואונדער־
מאן פון גליל איז געקומען קיין ירושלים. פון איהם האט זי זיך
שוין ניט געקענט אפרייסען, און זי האט זיך אנגעשלאסען אן
דער קליינער מחנה פון מענער און פרויען, וועלכע האבען איהם
בסדר ארומגערינגעלט. דו דערמאנסט זיך דאך נאך אודאי אן
איהם?" — „ניין". ענטפערט פילאטוס. — „כ'מיין, ער האט
געהייסען יעזוס, איז געווען פון נצרת." — „כ'הויב זיך ניט אן
דערמאנען אן איהם", זאגט פילאטוס. — דו ביסט געצוואונגען
געווען, איהם לאזען אנשלאגען צום קרייץ." — „יעזוס", מורמעלט
פילאטוס, „פון נצרת — כ'קען זיך בשום אופן ניט דערמא־
נען — —."

דא קען מען זעהן פראנס'עס ווירקונג אין איהר גאנצער
אריגינאלימעט און זיין קונסט אין איהר טיעפער ווארהייט.

אזוי ווייט איז ער דערפון צו זעהן פילאטוס' פארהעלטנים

אנאטאל פראנס

צו יעזוס'ן אין דעם ליכט פון שפעטערע צייטען. אז דער רוימישער גובערנאטאר פארגעסט גאר ביי איהם אין גאנצען דאס דאזיגע געשעהעניש, וואס איז פאר איהם געווען א גאנץ אלטעגליכע זאך, אין דער צייט וואס לאמיא האט עס נור צוליעב מאגדאלענא'ן בעהאלטען אין זיין זכרון.

אין זיין ערצעהלונג „לאעטא אציליא," אין דער זאמלונג „באלטאזאר", האט פראנס נאכאמאל געצייכענט מאגדאלענא'ן. דארט באשרייבט ער, ווי זי איז פאריאגט געווארען פונ'ם לאנד יהודה און מיט א שיף געקומען קיין מארסייל, וואו זי סטארעט זיך צו באקערען צו איהר גלויבען די באשיצערין איהרע, די פרוי פון א רוימישען ריטער. די רוימערין וויל האבען א קינד. מאריא פארשפרעכט צו בעטען גאט פאר איהר. — אז זי קומט צוריק, איז שוין לאעטא אציליא שוואנגער. — דאן דערצעהלט איהר מאגדאלענא, אז זי איז געווען א זינדיגע פרוי, בעת זי האט צום ערשטען מאל דערזעהן דעם שענסטען מאן, דעם מענשענזוהן. זיבען שדים האט ער איהר פון לייב ארויסגעטריבען. און זי האט זיך פאר איהם אויף די קניע געווארפען און אויסגעגאסען די גאנצע זאלב, וואס איז געווען אין אן אלבאסטער־קרוג, איבער דעם נביא'ס פיס. און זי ווידערהאלט די ווערטער, מיט וועלכע דער גוטער מייסטער האט זיך פארטיידיגט, בעת די תלמידים האבען זי מיט גראבע רייד פארשטויסען פון זיך. פון דעמאלט אן האט זי אין דעם מייסטערס שאטען געלעבט אזוי ווי אין א נייעם גן עדן. דערפאר איז זי דאס געווען די ערשטע, וועלכע האט געזעהן, ווי ער איז אויפגעשטאנען תחית המתים.

נאר דער רוימערין דוכט זיך אויס, עפעס אזוי ווי מאגדאלענא וואלט געוואלט ביי איהר אוועקרויבען די פריידען פון איהר רוהיגען לעבען. זי האט ביז אהער ניט געוואוסט, אז עס איז פאראן אן אנדער גליק אויף דער וועלט א חוץ דאס גליק, וואס איז איהר באקאנט.

„איך וויל דיין גאט ניט קענען. דו האסט איהם צו טיעף

געליעבט. כדי איהם צו געפעלען, מוז מען מיט פונאנדערגעלאָזטע האָר איהם פאַלען צו די פיס. דאָס פּאַסט זיך ניט פאַר דער פרוי פון א רוימישען ריטער. געה זיך דיר דיין וועג, אידין! דיין גאָט קען ניט ווערען מיינער. איך האָב ניט געפיהרט דאָס לעבען פון א זונה, פון א זינדיגער פרוי, און אין מיר זיינען ניט קיין זיבען טייוואָלים געזעסען. איך האָב זיך ניט אַרומגעטריבען אין שלעכטע וועגען. איך בין אן אנשטענדיגע, בכבוד'יגע פרוי. געה זיך דיר דיין וועג!"

וואָס עס שמיעדט צו פראַנס'ן צו דיזע געשטאַלטען איז דער קאָנטראַסט אין די געפיהלען פון דיביידע פרויען — דער רעליגיעז־ליידענשאַפטליכער עקסטאַז פון דער אזיאַטין און די אַנשטענדיגע פאַמיליען־ליעבע פון דער רוימערין.

אזוי געהט ער כסדר אַלס דיכטער פאַרביי די געשיכטע.

* * *

צו די פיעלע זאַכען, אין וועלכע ער גלויבט ניט, געהערט פונדעסטוועגען די וויסענשאַפטליכקייט פון דער געשיכטע: די געשיכטע איז א באַשרייבונג פון די עראייגניסע פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער וואָס איז אזוינס אן עראייגניס? א מערקווירדיגער פאַקט. ווער ענטשיידעט, צי א פאַקט איז מערקווירדיג, צי ניט? דאָס ענטשיידעט דער היסטאָריקער גופא נאָך זיין אייגענעם געשמאַק נאָך. א פאַקט איז א חוץ דעם א זעהר פאַרפּלאָנטערטע זאַך. שטעלט עס אַלזאָ דער היסטאָריקער פאַר פאַרפּלאָנטערט ווי עס איז? אונמעגליך. ווי דען זשע? אָפּגעהאַקט און ארומגעשניטען. אָבער א היסטאָרישער פאַקט קומט דאָך ניט פון זיך אליין: ער ווערט אַרויסגערופען דורך אונהיסטאָרישע אָדער אונבאַקאַנטע פאַקטען. טאָ ווי אזוי זשע קען דער היסטאָריקער פאָרשטעלען די פאַרבינדונג זייערע?

אַט דער געדאַנקענגאַנג ליגט פראַנס'ן אזוי שטאַרק אויפ'ן זינען, אז ער שטעלט איהם פאַר גאַנצע דריי מאָל נאָכאַנאַנד, אין דער פאָררעדע צו „לאַ ווי ליטערער", אין „הערר זשעראָם

אנאטאל פראנס

קוואניאר׳ס אנזיכטען״ און אין „עפיקור׳ס גארטען״. אלס דיכטער נעמט ער איינפאך אפ דעם מוט ביי די פארשער מיט זיינע צווייפלען. ס׳איז אונמעגליך, זאגט ער, צו קענען די פארגאנגענהייט: מען קען פשוט ניט באווייזען, איבערצולייענען דאס אלעם, וואס מען וואלט דערצו געמוזט לייענען. צוויי מאל דערצעהלט ער מכח דעם א מעשה׳לע, אוןביידע מאל אין דעם זעלבען נוסח:

„אז דער יונגער פרינץ זעמיר איז ארויף אויפ׳ן פערזישען טראן, האט ער צונויפגערופען די געלעהרטע מענער פון זיין מלוכה און זיי אזוי געזאגט:

— מיין לעהרער האט מיר ערקלערט, אז כדי די קעניגע זאלען אויסמיידען פעהלערען, מוזען זיי קענען די געשיכטע פון די פעלקער. שרייבט מיר אן א וועלט־געשיכטע און זעהט, אז זי זאל זיין פאלשטענדיג.

נאך א משך פון צוואנציג יאהר האבען זיך די געלעהרטע ווידער פארגעשטעלט פאר׳ן קעניג. נאך זיי איז געגאנגען א קאראוואנע פון צוועלף קעמלען, און יעדער קעמעל האט געטראגען אויף זיך 500 ביכער.

דער סעקרעטער פון דער אקאדעמיע האט געהאלטען א קורצע רעדע און איבערגעגעבען דעם הערשער די 6 טויזענד ביכער.

דער קעניג, וועלכער איז געווען צופיעל פארנומען מיט דער רעגירונג, האט געדאנקט פאר דער ארבייט. „אבער״, האט ער זיך אפגערופען, „כ׳האב שוין אפגעלעבט א העלפט פון מיינע יאהרען, און אפילו ווען איך זאל לעבען נאך אמאל אזוי פיעל. וועל איך אלץ קיין צייט ניט האבען איבערצולייענען אזא לאנגע געשיכטע. קירצט זי אפ, אבער אזוי אז זי זאל דערביי גאר ניט פארלירען!״

די געלעהרטע האבען געארבייט נאך צוואנציג יאהר און זיינען ווידער געקומען, דאס מאל מיט דריי קעמלען, וועלכע האבען געטראגען אויף זיך 1500 ביכער:

— דא איז אונזער ווערק, מיר גלויבען ניט, אז מיר זאלען האבען אויסגעלאזט עטוואס וויכטיגעס.

— ס׳איז מעגליך, אבער איך בין שוין אן אלטער מאן. פארקירצט די געשיכטע און איילט זיך צו.

נאך צעהן יאהר בלויז זיינען זיי ווידער געקומען. נאך זיי איז געגאנגען א יונגער עלעפאנט וועלכער האט געטראגען ניט מעהר ווי 5 הונדערט בענד.

— דאָס מאָל האָבען מיר זיך געהאַלטען קורץ.

— ס'איז אמת. אָבער מיין לעבען איז באַלד צו ענד. קירצט פון דאָס ניי!

נאָך אַ משך פון פינף יאָהר צייט איז געקומען דער סעקרעטער. ער איז געגאַנגען אויף קוליעס און האָט געפיהרט אַ קליינעם עזעל, וועלכער האָט געטראָגען אַ דיקען בוך אויפ'ן רוקען.

— גיכער, — האָט געזאָגט אַן אָפיציר, — דער קעניג האַלט ביים שטאַרבען.

— איך וועל שוין מוזען שטאַרבען, ניט קענענדיג די געשיכטע פון די מענשען, — האָט זיך אָפּגערופען דער קעניג.

— ניין, — האָט געענטפערט דער אַלטער געלעהרטער. — איך וועל זי צונויפפרעסען אין עטליכע ווערטער: „זיי זיינען געבוירען געוואָרען, האָבען געליטען און זיינען געשטאָרבען."

מחמת דעם איז פראַנס, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסער פעהיגקייט אַלס פאָרשער, געוואָרען נאָוועליסט און ראָמאַנען־שרייבער, ניט קיין היסטאָריקער.

פונדעסטוועגען איז ער ניט אַזאַ פעסימיסט, ווי מען וואָלט געקענט גלויבען נאָך די שלום־ווערטער זיינע. די מענשען האָבען ביי איהם אויך פריידען אין לעבען, און ער האַלט כסדר אין איין אַרויסשטעלען דעם ווערטה פון דער פרייד געגען יעדער פאַרלייקענונג פון דער נאַטור און געגען יעדער לעהרע, אַז ס'איז גוט צו ליידען אויף דער וועלט.

אָבער אַט דער צווייפעל אין דער וויסענשאַפטליכקייט פון דער געשיכטע איז טיפּיש פאַר זיין סקעפּטיציזם אויף אַלע אַנדערע געביעטען.

* * *

די העכסטע שטופע פון גייסטעס־שאַרפקייט האָט אין זיך די געפאַהר, וואָס זי פיהרט צום צווייפלען. ווער עס זעהט די פיעלזייטיגקייט פון אַלצדינג, ביי דעם קען דער אינטערעס פאַר די מענשהייט דערטרונקען ווערען אין מענשענפאַראַכטונג. און פון לויטער פעסימיסטישע אַנזיכטען ווערט מען דאַן אַן אַנ־

הייִנגער פון דער האַרטער, פעסטער פויסט, פון דער גרויזאַמער געוואַלט.

פראַנס האָט געשוועבט אין דער דאָזיגער סכנה. נאָך מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען צוריק האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי ווי זיין ענטוויקלונג וואָלט איהם פּראַקטיש געקענט פונקט אַזוי גוט פיהרען צו דער רעאַקציאָן ווי צום ראַדיקאַליזם.

ווען אַבעל הערמאַן'ס בוך „לע קאַוואַליע מיזערע“, וואָס האָט שטאַרק קריטיקירט די אַרמעע, איז פאַרבאָטען געוואָרען פאַר די סאָלדאַטען, האָט פראַנס געשריבען:

„כ'קען בלויז עטליכע שורות פון דער באַריהמטער טאַגעס־אָרדנונג, וועלכע דער קאַפּיטאַן פון דעם 12טען יעגער־רעגימענט אין רוען האָט געלאָזט פאַרלייענען פאַר די זעלנער. דאָס זיינען פאָלגענדע: „יעדער עקזעמפּלאַר פון „קאַוואַליע מיזערע“, וואָס וועט אַריינפאַלען אין די הענט, זאָל פאַרברענט ווערען אויפ'ן מיסט־הויפען, און יעדער סאָלדאַט, ביי וועמען מען וועט געפינען אַן עקזעמפּלאַר, זאָל קריגען געפענגנים.“ — דאָס איז ניט קיין זעהר שעהנער זאַץ, נאָר פונדעסטוועגען וואָלט איך א י ה ם ליעבערשט אָנגעשריבען, איידער אַלע 400 זייטען פון דעם ראָ־מאַן.“

ס'איז דעמאָלט געווען אַ פאַרברעכען, אָנצוריהרען די אַרמעע. ווער ס'ווייסט, וואָס פראַנס האָט זייט דאַן געשריבען מכח דער אַרמעע, ווער זעהן, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש ס'איז פאָרגעקו־מען אין זיין מוח.

אַז ס'איז געקומען דער מאָמענט פון דעם קריזיס, האָט עס זיך אַרויסגעצייגט, אַז דיזער מאַן האָט ניט ווי אַנדערע בלויז גייסט און געשיקטקייט, נאָר אויך אַ ווילען, און אַז טיעף ביי זיך אין האַרצען איז ער גאָר ניט אַזאַ שטאַרקער צווייפלער און ס'איז נאָך געבליבען באַהאַלטען ביי איהם אַ גלויבען און אַ באַגייסטער־רונג: דער גלויבען אין דער באַרעכטיגונג פון דער גרויסער באַ־

ווענונג, וואס איז פארגעקומען אין 18טען יאהרהונדערט און די באגייסטערונג פאר איהר.

אלס דיכטער האט ער געהאט צוויי הויפט־קרעפטען: ער־שטענס די נאאיוויטעט, וועלכע מאכט, אז די געשטאלטען, וואס ער באשאפט, זאלען ניט זיין קיין מענשעלאך. אנגעצויגען אויף שנירלאך—ווי וואלטער׳ס געשטאלטען זיינען אזוי אפט,—נאר זיי זאלען זיך פריי באוועגען אויף די פיס, פיהרען אן אונגע־שטערט לעבען, אונאפהענגיג פון דעם פארפאסער. די נאאיווי־טעט גיט דיזע ברואים אריין לעבען און מאכט זיי נאטירליך.

דער צווייטער עלעמענט ביי איהם איז די קונסט. ער פאר־מאגט דאס, וואס ער אליין רופט אן די דריי גרויסע אייגענשאפ־טען פון דעם פראנצויזישען שריפטשטעלער — ערשטענס קלאר־הייט, צווייטענס, קלארהייט און ענדליך קלארהייט. אבער דאס איז בלויז א י י ן גרונד־אייגענשאפט פון זיין קונסט. ער האט געהאט מאס און טאקט, אין וואס „די גאנצע קונסט בא־שטעהט" פאר איהם אלס עכטען פראנצויז, ווי ער דריקט זיך אליין אויס. אויב זאלא אלס ראמאנען־שרייבער האט אין איהם ארויסגערופען א גרויל, איז דאס געווען מחמת דעם, וואס דער דאזיגער איטאליענער, אלס קינסטלער אין אזא הויכען גראד, האט קיין מאס ניט געהאט אין זיך. ער אליין איז אלס ערצעה־לער שטענדיג צוריקגעהאלטען.

ס׳פעהלט איהם ליידענשאפט און ער איז קיינמאל ניט וואויל־לוסטיג; די ליעבעס־זאכען ביי איהם זיינען בלויז עפי־קורעאיזם.

ארום און ארום איז ער מעהר קינסטלער און דיינקער איי־דער דיכטער. דעלאקרוא האט געזאגט, אז קונסט הייסט אי־בערטרייבונג אויפ׳ן ריכטיגען ארט. פראנס׳עס איבערטרייבונג און די רייכקייט פון איינפעלע, וואס ער גיט זיינע פיגורען, און וועלכע קענען זיך אפט קוים איינפאסען אין די ביכער זיינע (ווי מען קען זעהן אין „טהאאיס" און „באלטהאזאר") אדער פאר

וועלכע ס׳מוז געשאפען ווערען פלאץ אין גאנצע בענדער ווי „קוואַ־ניאר׳ס אידעען״, „עפיקור׳ס גארטען״, א טייל פון „פיער נאזיער״. ער האט מעהר אנזיכטען איידער געפיהלען. ער האט איינפעלע איבער אלצדינג, באאורטיילט אלצדינג, ניט נור מענשליכע פאר־אורטיילען און מנהגים, נאר זאגאר די נאטור.

ער ווארפט איהר, צום ביישפיעל, אויף, וואס זי גיט אונז אזוי פריה די יוגענד און לאזט אונז דערנאך לעבען אהן איהר; זי, די יוגענד, וואלט געדארפט קומען צולעצט, ווען דאס לעבען איז רייף און פארטיג, אזוי ווי דער שמעטערלינגס־צושטאנד, וועלכער קומט ביי די אינסעקטען ערשט נאכדעם ווי זיי לעבען א צייט לאנג אין א צושטאנד פון פופען; זי וואלט געדארפט זיין די לעצטע העכסטע מדרגה פון לעבען, וואס זאל קומען דירעקט פאר׳ן טויט.

פראנס׳עס אייגענע העכסטע ענטוויקלונג איז געקומען צו־לעצט. ווארים אין זיין לעצטער שטופע אלס קעמפפער האט ער קיין האר ניט פארלארען פון זיין איראניע אדער פון דער קינסט־לערישער איבערלעגענהייט זיינער, וועלכע איז אייגענטליך א פאלגע פון דער איראניע. קיינמאל האט די דאזיגע איראניע ניט אזוי טריאומפירט ווי אין זיין שארפסטער שטרייט־שריפט „דער צויבער־רינג״, וואו די לייכטזיניגסטע מעשים, איין ראנדע־וואו און איין הולטאיסטווא נאך דער אנדערער, ווערען גלידער פון א פארפלאנטערטער קייט פון אינטריגעס, וועלכע ווערען גע־מאכט מיט דעם צוועק צו ערפילען דעם וואונש פון א יונגען באנ־קיר, וועלכער שארט זיך אין די הויכע אריסטאקראטישע פענ־סטער, און וועלכע ענדיגען זיך דערמיט, וואס א דורכגעטריבענער אונטערטעניגער פריסטער קריגט דעם בישאפס־רינג. דער דא־זיגער גלח האט זיך איבעראל געבויגען און דורך זיין עניוות האט ער געוואונען די סימפאטיע פון מענער און פרויען, וועלכע האבען געארבייט מיט לייב און לעבען פאר זיין צוקונפט. אבער ווי נאר ער ווערט בישאף, ווייזט ער זיך ארויס אלס קאמפסלוס־

טיגער דינער פון דער קירכע, אלס ביטערער שונא פון דעם שטאט. — מען קוקט דא ארונטער אין א שרעקליכען אפגרונד פון איראניע.

אלס קינסטלער האלט זיך פראנס אין דער הויך און לאזט זיך ניט בעאיינפלוסען פון קיין שום ליידענשאפט, זאגאר דארט, וואו ער איז שטארק פאראינטערעסירט אין א געוויסער אידעע און זוכט זי דורכצוקעמפען.

אז איהם האט ניט געפעהלט קיין ליידענשאפט ניט הינטער דער קונסט און ניט אויסערהאלב דער קונסט, דאס האט זיך ארויסגעצייגט אין דעם טאג, ווען דער טיפער צווייפלער איז מיט אמאל ארוים אלס קאמפס־שריפטשטעלער און אלס פאלקס־רעדנער האט ער זיך ערקלערט פאר א ראדיקאלען סאציאליסט.

ער איז ניט געווען קיין געבארענער רעדנער, פלעגט פארלעזען זיינע רעדעס, ווי דער מנהג איז ביי די פראנצויזען. אבער זיין גרויסקייט אלס שריפטשטעלער האט גערעקט זיין מאנגעל אין רעדנער־קראפט. ער פלעגט געוועהנליך אנפאנגען צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסען מיט עטוואס פאקענדעס, מיט א זאך, וואס מען קען אנטאפען מיט די הענט, מיט אן אלטע פאלקס־לעגענדע, למשל. איינמאל האט ער דערצעהלט וועגען דעם מערקווירדיגען פעכטער, וואס פלעגט זיך פארוואנדלען אין א פייער־שפייענדיגער שלאנג מיט פליגלען, און אז די שלאנג איז געשלאגען געווארען, פלעגט דערזעלבער פעכטער קענען גאר פלוצלינג ווערען א שטילע, גאנץ שטילינקע ענטעל. „כ'האב זיך געמוזט דערמאנען אן דיזען פעכטער", האט פראנס געזאגט, „ווען איך האב די טעג איבערגעלייענט די פראגראמען, וואס די נאציאנאליסטען האבען אנגעקלעפט אויף די ווענט פון פאריז. מיר האבען זיי געזעהן אין די גאסען און אויף די בולווארדען אונזערע, ווי זיי האבען געשפיגען מיט פייער פון די אויגען, פון דעם מויל און פון די נאז־לעכער. ווי מורא'דיגע געפליגעלטע שלאנגען האבען זיי געקלאפט מיט די פליגלען און געוויזען די

אנאטאָל פראַנס

שרעקליכע נעגעל זייערע. מען האָט זיי פונדערסטוועגען דאָך ביי־געקומען, און אַט ווערען זיי מיט אַמאָל פריש געבוירען, מיט גלאַטע פעדערען, מיט אַ זיסער מיענע און מיט אַ פרידליכער שטימע, אקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען שטילע, רוהיגע הויז־חיות. וואָס פאַר אַ מערקווירדיגע אומוואַנדלונג!"

די הקדמה איז געווען אַזוי אַמוזירענד און פאַלקסטימליך, אַז די צוהערער, וועלכע האָבען ארויסגעפּלאַצט מיט אַ שטורם פון געלעכטער און פרעהליכע געשרייען, זיינען גלייך געוואונען געוואָרען אויף דעם רעדנער'ס זייט.

4

דאָס איז געווען אַ נאָוועמבער אָוונט אין פּאַריז, אין יאָהר 1904, בעת די מיטגלידער פון די סקאַנדינאַווישע פּאַרלאַמענטען זיינען געווען צו גאַסט אין פּאַריז. ווען די געסט זיינען אַוועק צו אַ באַנקעט ביי'ם מיניסטער פון אויסערן אין הויז, וואו זיי האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט אַ קוק צו טאָן אויף די העכערע געזעלשאַפט מיט זייערע עלעגאַנטע, רייך־פּאַרפּוצטע דאַמען, האָב איך בעסער פאַרגעצויגען אַריבערצופאָהרען אין „טראָקאַדעראָ". די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין יענעם אָוונט דאָרט פאַר־רופען אַ פאַרזאַמלונג און דריי פון פראַנקרייך'ס גרעסטע מענער האָבען דאָרט געזאָלט ריידען.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט, ס'איז קיין איין אָרט ניט גע־בליבען ליידיג; נאָר מען האָט אין זינען געהאַט, מיך צו פאַרזאָר־גען מיט אַ פּלאַץ אויף דער פּלאַטפאָרמע נעבען די רעדנער, און אויף אַזאַ'ן אופן האָב איך געהאַט די מעגליכקייט מיט איין בליק דורכצונעמען די זעקס טויזענד מענשען, וואָס האָבען אָנגעפילט דעם אונגעהייער גרויסען זאַל.

די דריי רעדנער זיינען געווען פראַנסיס דע פּרעסאַנסע, זשאָן זשאָרעס און אַנאַטאָל פראַנס, דער עהרליכסטער פּאָליטי־קער, דער בערעדזאַמסטער מאָן און דער גרעסטער שריפטשטע־לער פון פראַנקרייך.

פראַנסיס דע פּרעסאַנסע'ס פּאָרטראַג האָט זיך אויסגעצייי־כענט דורך איינפאַכע און שטאָלצע קראַפט. אַט שטעהט ער דאָרט, גראַד און שטיל, רעדט אָהן אַ שום האַנד־באַוועגונג, ווענדט זיך ניט צום פּובליקום מיט קיין ריהר, ער אַפּעלירט בלויז צו זיין פאַרשטאַנד. ער גיט איבער איין פאַקט נאָכ'ן אַנדערען און ער

ערקלערט זיי. ער איז אַזוי זיכער מיט זיין שפּראַך, ער זוכט קיינמאָל קיין ווערטער ניט, ווי שנעל ער זאָל ניט ריידען, און ער האַקט קיינמאָל קיין זאַץ ניט אָפּ, ווי נאַכלעסיג עס זאָל בּיי איהם ניט אַרויס פון מויל. אויך שטעלט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּ אויף קיין איין רגע אפילו, ווען ער זאָגט עפּעס אויסערגעוועהנ־ ליך שטאַרקעס און די אַפּלאָדיסמענטען בּרעכען אויס, — גאָר ניט ווי דער שטייגער איז פון די אַנדערע פראַנצויזישע רעדנער. ער לאָזט דעם בּייפאַל קיין צייט ניט איבּער, רעדט זיך ווייטער, אָהן אַ פּינטעל מיט'ן אויג אָדער די מינדעסטע פּויזע, אַקוראַט ווי ס'וואָלט איהם גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

אַז זשאָרעס האָט געדאַרפט אָנפאַנגען ריידען, איז די פּלאַט־ פאָרמע נעבען איהם אָפּגעליידיגט געוואָרען; מחמת ער האָט זי נייטיג געהאַט אין איהר גאַנצער לייננ. די בּאַרעדזאַמקייט פון דעם גרויסען סאָציאַליסט איז געווען עכט קאַטויליש. ער האָט דערמאָנט אָן די אויסערגעוועהנליכע קאַנצעל־רעדנער אין די קירכען פון נעאַפּעל. ער איז געווען אַ דרום־לענדער גלייך מיט זיי. און פּונקט ווי זיי האָט ער געמוזט האָבּען אַ גרויסע, ליידיגע פּלאַטפאָרמע, וואו דער רעדנער זאָל קענען געהן אַרויף און אַראָפּ, בּלייבּען שטעהן, זיך דרעהען און קערען נאָך רעכטס און נאָך לינקס.

ער האָט געהאַט אַ שטימע וואָס האָט געקלונגען ווי דער שופר של משיח. אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר געעפענט דאָס מויל, האָבּען זיך די פענסטער פונ'ם זאַל פאַנאַנדערגעטרייסעלט פון דעם מעטאַל־קלאַנג. ער פלעגט די דאָזיגע שטימע זיינע בּאַנו־ צען מיט אַ בּאַזונדערער קונסט; ער פלעגט זי זאָגאָר ניט איינ־ האַלטען, בּעת ער האָט אָנגעהויבּען ריידען; זי פלעגט ווערען בּיי איהם כמעט ניט העכער און ניט נידעריגער, ער איז געווען פון דער ערשטער בּיז דער לעצטער רגע הויכע ערנסט און ליידענ־ שאַפט. זאָגאָר אין אַ זאַל, וואָס נעמט אַריין אין זיך זעקס טוי־ זענד מענשען, איז זיין שטימע געווען צו שטאַרק פאַר דעם

פלאץ און האט ניט זעלטען ארויסגערופען א שטערענדען ווי־דערקלאנג. מען וואלט איהם בעסער געהערט, ווען ער וואלט זיך בעסער געשוינט. איבעריגענס האט ער געהאט די פעהיגקיי־טען פון א שוישפיעלער. אזוי ווי א שטורם־באק פלעגט ער זיך א לאז טאן מיט אן איינגעבוינגענעם קאפ אויף אן אונזיכטבא־רען שונא. אדער ער פלעגט זיך א בויג טאן מיט אויסגעשטרעק־טע אָרעמס נאך פארענט און מיט איין רוק איז ער שוין גע־שטאנען ווידער גלייך. אדער ער מאכט זיך קליין, זינקט צוזא־מען, עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך געוואלט ארונטערלאזען אויף דער ערד, און שטעהט כהרף עין ווידער אויף. ער ווערט היים רײדענדיג; צולעצט איז זיין געזיכט געווען אפגעבאדען אין שוויים. אט די קורצע, דיקע געשטאלט מיט די ברייטע פלייצעס, מיט די שווערע גלידער, מיט דעם קורצען האלז, מיט דעם קיי־לעכדיגען קאפ, מיט דעם שעהנעם געזיכט, ארומגעזוימט מיט א פולער באָרד, האט געהאלטען אין איין ארומגעהן ארויף און אראפ, ארויף און אראפ. — נעבען איהם האבען פראנס און פרע־סאנסע אויסגעזעהן אזוי ווי א הירש און א פערד נעבען א בופלאקס.

פראנס האט אייגענטליך ניט גערעדט; ער האט געלייענט, אבער מיט אלע פארשידענע טענער פון א ניט זעהר שטארקער, נאר דאך אנגענעמער און גוט־קלינגענדער שטימע. זיין פאר־טראג איז ניט געווען אייגנפאך, ווי פרעסאנס'עס, ס'איז געווען דער פארטראג פון דעם שארפען צוייפלער, פיעלפאכיג אין זיינע שאטירונגען און איבערגאנגען. אפשר לייענט ער דערפאר, ווייל אלס שריפטשטעלער האט ער צופיעל ליעבשאפט פאר יעדען זאץ, וואס ער בויט אויף, אום איהם מפקיר צו זיין און איהם אי־בערלאזען דעם צופאל פון דעם אויגענבליק. דער סטיל זיינער פארטראגט ניט, אז א ווארט זאל איבערגעהיפערט אדער איבער־געביטען ווערען. זיין פארטראג איז א דורכגעפיהרטע אויסגעהאל־טענע איראניע, וואס ווערט פון צייט צו צייט איבערגעשלאגען

פון אַן ערנסטען געדאַנק, וועלכער ווירקט נאָך שטאַרקער, ווייל ער קומט אַזוי זעלטען. און אַט דער פּאַרטראַג ווערט אויפגענו־מען מיט בייפאַל, רופט אַרויס געלעכטער און צושטימונג. פראַנס דערצעהלט דאָס, וואָס איז געשעהן, שטעלט אַ פראַגע־צייכען — און מען שמייכעלט, אַן אויסרופונגס־צייכען — און מען פיהלט זיך געצוואונגען נאָכצודיינקען. ער רוקט אונטער אַ פּאַראַנ־טהעזע, אַ מאמר המוסגר, און מען דערזעהט צווישען די האַלבע לבנות די גאַנצע דומהייט און פרעכהייט פון דער פראַגע, פון וועלכער עס האַנדעלט זיך.

פראַנס האָט תחילת גערעדט מכח דעם צושטאַנד, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם „קאָנקאָרדאַט", דעם אָפּמאַך מיט'ן פּאַפּסט. דער שטאַאַט, הייסט עס, באַצאָהלט די גייסט־ליכע פון דריי רעליגיאָנען, אָבער בלויז פון דריי, כאָטש פראַנק־רייך האָט אין משך פון 19טען יאָהרהונדערט צוגעקראָגען אַ סך מעהר מחמד'אַנישע אונטערטאַנען איידער די צאָהל פון איהרע פּראָטעסטאַנטישע און אידישע איינוואוינער. דערמאָנענדיג אויף אַ וויציגען אופן באָקאַטשיאָ'ס מעשה'לע מיט די דריי רינ־גען, וואָס לעסינג האָט באַנוצט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע", האָט פראַנס געזאָגט:

„ביי אונז האָט דער קולטוס־מיניסטער, אַזוי ווי דער פאָטער אין דער אַלטער אידישער לעגענדע, דריי רינגען. ער זאָגט אונז ניט, וועלכער רינג ס'איז דער עכטער, און דאָס איז זעהר קלוג פון זיין זייט. אָבער וויבאַלד ער האָט מעהר ווי איינעם, טו פאַרוואָס־זשע האָט ער בלויז דריי? אונזער פאָטער אין הימעל האָט די זיהן זיינע געגעבען מעהר ווי דריי רינגען, ניט אָנציי־כענענדיג זיי, וועלכער ס'איז דער עכטער, דער אורשפּרינגלי־כער. הערר קולטוס־מיניסטער! פאַרוואָס האָט איהר ניט אַלע רינגען פון אייער הימלישען פאָטער? איהר באַצאָהלט די גלחים פון געוויסע גלויבענס, אָבער ניט די גייסטליכע פון געוויסע אַנ־דערע גלויבענס. איהר גיט זיך דאָך ניט אָן פאַר דעם ריכטער

איבער די רעליגיעזע ווארהייט. איהר ווילט דאך אונז ניט דערצעהלען, אז די דריי רעליגיאנען האבען אין זיך די ווארהייט, נאכדעם ווי יעדע איינע פון זיי מאכט א תל פון די אנדערע צוויי.״

ווי באקאנט איז די פראגע אפצוטיילען די קירכע פון׳ם שטאאט דאן געווארען אזוי פאפולער, אז עס איז געווארען א פונקט פון דער טאגעס־ארדנונג ביי די רעפובליקאנער. פראנס האט באהויפטעט, אז עס מוז איצט דורכגעפיהרט ווערען. אבער ווי אזוי זאל עס געשעהן? ער האט זיך אויסגעלאכט פון דער אלטער פארמולע: א פרייע קירכע אין דעם פרייען שטאאט. דאס וואלט געווען גלייך ווי א באוואפענטע קירכע אין אן אונבאוואפענטען שטאאט. „מיר זיינען דער אפגע׳גט׳ער קירכע פרייהייט שולדיג״, האט ער געזאגט, „אבער ניט קיין אונבאדינגטע און מעטאפיזישע פרייהייט, נאר א ווירקליכע, דאס הייסט, א פרייהייט, וואס איז באגרענעצט פון אלע אנדערע סארטען פרייהייטען. אבער, מיטבירגער, זייט זיכער, אז די קירכע וועט ניט ארויסווייזען קיין שום דאנקבארקייט צו אונז דערפאר. זי וועט די דאזיגע פרייהייט באטראכטען פאר א באליידיגונג און א שפאט.״

פראנס איז אריבערגעגאנגען צו דער שייכות צווישען אייראפא און מזרח־אזיען. ער האט אנטוויקעלט פאלגענדען געדאנק: די אייראפעאישע מלוכות האבען זיך שוין צוגעוואוינט דערצו, אז ווען די ארדנונג ווערט געשטערט אין כינא, שיקט יעדע פון זיי אדער אלע אינאיינעם אריבער אהין סאלדאטען, וועלכע פיהרען איין צוריק די ארדנונג דורך גנבה, פארגוואלטיגונג, רויב, מארד און אונטערצינדעריי, און מיט ביקסען און קאנאנען שטעלען זיי ווידער איין דעם פרידען אין לאנד:

„די וואפענלאזע כינעזער פארטיידיגען זיך ניט, אדער זיי פארטיידיגען זיך שלעכט. מען שלאכטעט זיי אויס מיט אן אנגענעמער לייכטקייט. זיי זיינען העפליך און מאכען אלערליי

צערעמאָניעס; אָבער מען וואַרפט זיי אויף, אַז זיי האָבען ניט קיין סימפּאַטיע צו די אייראָפּעער. אונזערע טענות צו זיי זיי־נען ענהליך צו די טענות, וואָס הערר דישאַיו האָט געהאַט צו זיין גאָרילאַ.״

הער דישאַיו איז געווען דער מאַן, וועלכער האָט אַריבער־געבראַכט דעם ערשטען גאָרילאַ קיין אייראָפּאַ. ווער ס׳האָט איהם געקענט, קען עדות זאָגען, אַז דורך זיין האָבען צו טאָן מיט די מענשען־אפּען האָט ער אַליין געקראָגען גאָר ניט קיין קליינע ענהליכקייט צו אַן אַפּען־מענשען.

פראַנס האָט וועגען איהם דערצעהלט פאָלגענדעס: ער האָט אין אַ וואַלד דער׳הרג׳עט אַ גאָרילאַ־מוטער. עטליכע קוילען האָט ער אין איהר אַריינגעשאָסען. שטאַרבענדיג האָט זי צוגע־דריקט איהר יונג קינד אין איהרע אָרעמס. דישאַיו האָט אַרויס־געריסען דאָס קינד און עס מיטגעשלעפּט מיט זיך איבער גאַנץ אַפריקאַ, כדי עס צו פאַרקויפען אין אייראָפּאַ. אָבער דער קליינער גאָרילאַ האָט איהם אָנגעטאָן געברענטע צרות. אַ מאָדנע חיה איז דאָס געווען. איידער צו זיין אין דישאַיו׳ס געזעלשאַפט, האָט ער ליעבערשט קיין זאַך אין מויל ניט גענומען און איז גע־שטאָרבען פון הונגער. „איך בין ניט אימשטאַנד געווען״, שרייבט ער, „בייצוקומען זיין שלעכטע נאַטור״. מיר באַקלאָגען זיך אויף די בינעזער, אַקוראַט ווי הער דישאַיו האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין גאָרילאַ.

ווייטער האָט פראַנס גערעדט מכח דער געלער געפאַהר פאַר אייראָפּאַ און האָט פאַרגעשטעלט, אַז זי קען על כל פנים ניט פאַרגליכען ווערען מיט דער ווייסער געפאַהר פאַר אַזיען: „די געלע האָבען ניט געשיקט קיין בודהיסטישע מיסיאָנערען קיין פּאַריז, לאָנדאָן אָדער פּעטערבורג. דעסגלייכען האָט נאָך דער־וויייל קיין שום געלע אַרמעע זיך ניט אַריינגעלאָזען קיין פראַנק־רייך און דאָרט געפאָדערט אַ שטיק לאַנד, וואו די געלע זאָלען ניט דאַרפען פאָלגען דעם שטאַאַט אָדער דעם געזעץ, נאָר שטעהן

אַנאַטאָל פראַנס

אונטער דעם אויפטראַג פון א גערוכטס־הויף פון מאַנדאַרינען. אדמיראל טאַגאַ איז ניט געקומען מיט א פלאָטע באַמבאַרדירען דעם האַפען פון ברעסט, און די אינטערעסען פון יאַפּאַן׳ס האַנ־דעל מיט פראַנקרייך. ער האָט ניט אונטערגעצונדען ווערסאַיל אין נאַמען פון א העכערער ציוויליזאַציע. ער האָט ניט ארויס־גענומען קיין בילדער פון דעם „לואוור“ און קיין פּאָרצעלײ־זאַכען פון דעם עליזעע־פּאַלאַץ און עס אוועקגעפיהרט מיט זיך קיין טאָקיאָ. ס׳איז אן אַלגעמיינע מיינונג, אז די געלע זיינען ניט גענוג פאָרגעשריטען, כדי צו קענען אזוי טריי נאָכמאַכען די ווייסע. ס׳ווערט זאָגאַר שטאַרק געצווייפעלט, אויב זיי וועלען זיך גאַר ווען עס איז קענען דערהויבען צו אזא מין הויכער מדרגה פון מאָראַלישער קולטור. ווי קענט איהר גאַר פאַרלאַנגען פון זיי, זיי זאָלען האָבען אונזערע טוגענדען ?! זיי זיינען דאָך ניט קיין קריסטען“.

אויף אזא לייכט־באַגרייפליכען אופן און דאָך מיט אזא טיעפער איראָניע פאַרשטעהט פראַנס צו־צוציהען די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט פון א געמישטען עולם פון אלערליי קלאַסען. אויב ס׳איז געווען אינטערעסאַנט זיך צו־צוהערען צום רעדנער, איז אָבער אויך געווען ניט ווייניגער אינטערעסאַנט און אַמוזירענד, צו קוקען אויפמערקזאַם אויף די צוהערער און צו באַמערקען. ווי זיינע ווערטער האָבען זיי אָנגעצונדען און ארויסגערופען ביי זיי א באַגייסטערטע צושטימונג.

אָבער דאָס וואָס ציהט זיי אַם מייסטען צו צו איהם, דאָס זיינען ניט אזוי זיינע איינפעלע ווי ער גופא. דאָס, וואָס דער דאָזיגער געלעהרטער, וועלכער טראָגט אויף זיך א שווערען פּאַק פון דריי קולטורען, יאָ, וועלכער איז אליין פאַר זיך א גאַנצע קליינע קולטור, — דאָס וואָס אָט דער קלוגער מאַן, פאַר וועמען דאָס גאַנצע לעבען אויף דער ערד איז ניט מעהר ווי אַן איבער־געהענדער אויסשלאַג אויף דער אויבערפלעכע פון דעם ערד־קוגעל און פאַר וועמען דאָס גאַנצע מענשליכע שטרעבען האָט

אנאטאָל פראַנס

דאָרום קיין שום באַדייטונג ניט, — דאָס וואָס דיזער גריבלער, וועלכער קען זעהן יעדע זאַך פון פיעלפאַכע פאַרשידענע זייטען, און וואָלט געקענט קומען צום שלוס, אַז דאָס עקזיסטירענדע, ווען עס מוז שוין אַזוי זיין, איז על כל פנים פונקט אַזוי גוט ווי דאָס וואָס איז נאָך ניט געווען — דאָס וואָס ער ערקלערט זיך אַלס זוהן פון דער רעוואָלוציאָן, נעמט זיך אָן פאַר די אָרימע און שוואַכע, גלויבט מיט זיי אינאיינעם אין א צוקונפט פון פרייהייט און גלייכהייט, וואַרפט אַרונטער פון זיך זיין גאַנצע געפעק און הויל, ווי ער שטעהט און געהט, ציהט ער מיט זיי — אָט דאָס איז דער מאַגנעט, וואָס ציהט צו זיינע צוהערער; אָט דאָס איז עס, וואָס די איינפאַכע לייט קענען פאַרשטעהן און וואָס זיי ווייסען ווי אָפּצושאַצען.

דאָס האָט געצייגט, אַז אין דעם שריפטשטעלער האָט געשטעקט א מאַן — אין דעם גרויסען שריפטשטעלער א מוטיגער מאַן.